גליון
# באור החיים

יהא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

פרשת חיי שרה - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ה

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **משולם זושא אונגאר** הי"ו
לרגל שמחת **נישואי בתו** למזל טוב - עב"ג החתן **מאיר** ני"ו - בן מוה"ר **חיים יואל פריעדמאן** הי"ו
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **יחזקאל שרגא סטרולאוויטש** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת נכדו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### מערת המכפלה הוא מכוון לגן עדן העליון

**ויתן לי את מערת המכפלה.**

הענין מה שאברהם אבינו השתדל כל כך לקברה במערת המכפלה, מבואר בזוה"ק, דמערת המכפלה יש לה פתח לגן עדן העליון, וכל הנשמות העולין מגן עדן התחתון לגן עדן העליון עולין דרך שם, וכמו שירושלים נקרא הכתוב (תהלים קכב ג) "עיר שחברה לה יחדיו", כי שם הוא מקום חיבור בית המקדש שלמטה עם בית המקדש שלמעלה, כן נקראת אותה העיר בשם "חברון", כי שם מקום החיבור בין גן עדן התחתון לגן עדן העליון, ולכך נקראת מערת המכפלה, כי הוא כפולה מעולם העליון לעולם התחתון, והמערה הזאת מחברת אותם.

ועבודה גדולה עבד אברהם אבינו בדברו אל בני חת, שפעל להוציא מקום קדוש זה מתחת ידם, באופן שהקליפה לא תרגיש בגודל הקדושה שמוציא מהם, ולכן אמר "בכסף מלא יתננה לי", ולא רצה לקבלה בחנם, כדי שמעתה לא יהא עוד לעפרון שום אחוזה בה, והכתוב מעיד "ויקם שדה עפרון אשר במכפלה", כמו שפרש"י הק' 'שתקומה היתה לו, שיצתה מיד הדיוט ליד מלך בקנין גמור', ומקום החיבור לעולם העליון נכנס תחת גבול הקדושה.

(עבודת עבודה פתג"ק חיי שרה)

### מי שהוא בלתי לה' לבדו, יכול לקבל שכר
### גם בעולם הזה

**ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל.**

איתא בחז"ל (נדרים לב:) דהקב"ה קרא שמו אברהם, דאברהם בגימטריא רמ"ח, ואברהם המליך הקב"ה על כל רמ"ח אבריו, וזה רומז לנו הפסוק כאן, "ואברהם זקן בא בימים", דעבד את השי"ת בכל יום בעבודה שלימה, לכן, "וה' ברך את אברהם בכל", דהשי"ת בירך אותו שיהיה לו כולו לה', ואבריו יהא בלתי לה' לבדו.

ועל זה אמר הכתוב ביחזקאל (ל"ג, כ"ד) "אחד היה אברהם ויירש את הארץ", פירשו בספרים דהקב"ה אמר לאברהם (בראשית י"ג ז') "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה", ולמדו מזה חז"ל (ב"ב ק.) דאברהם בעצמו ירש את הארץ ולא רק

המשך בע' ה

פרנס פעולות האיחוד
לחודש
חשון

נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר רודף צדקה וחסד לב טוב ומטיב לכל
מוה"ר **משה שמואל ראטטענשטיין** הי"ו
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד המפורסם ר' **דוד מנשה** בן ר' **שמואל** ז"ל
נפטר בשם טוב ובשיבה טובה ביום ט' תשרי דהאי שתא
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבל בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

## שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**ואברהם זקן בא, אברהם אבינו איז אנגעקומען צו זיינע מדריגות, בימים, דורך די עבודה צושטייטליך, טאג נאך טאג.**

(שיח"ק ח"א רל"ג)

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **חיים לייב כהנא** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' מרדכי דוד ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### אליעזר עבד אברהם האט אינזינען געהאט די המשכות הדורות

ויאמר ה' אלקי אדוני אברהם הקרה נא לפני היום ועשה חסד עם אדוני אברהם, שטעלן זיך די מפרשים, ער איז דאך געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק, וואלט ער געדארפט זאגן ועשה חסד עם בן אדוני, פארוואס זאגט ער "אלקי אדוני אברהם, כי עשית חסד עם אדוני".

נאכמער איז שווער, שפעטער ווען ער האט גערעדט צו לבן ובתואל, שטייט י' בן אדוני, "הוא האשה אשר הוכיח ה' לבן אדני", פארוואס ווען ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטן זעט מען נישט דעם לשון.

ווייטער אין די פרשה ווען אליעזר איז אהיימגעקומען מיט רבקה שטייט, "ויצחק בא מבוא באר לחי ראי", האט רבקה געפרעגט, "מי האיש הלזה ההולך לקראתינו, ויאמר העבד הוא אדוני", איז דאך זייער שווער, ער וואלט געדארפט זאגן הוא בן אדוני, ס'איז דאך געווען יצחק נישט אברהם.

אלעס וואס אליעזר האט געזאגט איז דאך געווען מיט א כוונה עמוקה, רש"י ברענגט דאך יפה שיחתן של עבדי אבות יותר מתורתן של בנים, ער איז דאך נישט געווען סתם אן עבד, ער איז דאך געווען דער דמשק אליעזר, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ער איז געווען בטל אינגאנצן, ס'איז געווען יד עבד כיד רבו.

זאגן די ספרים הק' פשט אזוי, אליעזר האט דאך שטענדיג צוגעזען די עבודה פון אברהם, ווער נאך ווי ער, האט אזוי גוט משיג געווען, נישט נאר די חסד וואס אברהם האט געטון בפועל האט ער געזען, נאר ער האט משיג געווען די עומק פון די זאך, ער האט פארשטאנען ד יסוד הדברים, אז אברהם איז די שורש החסד בעולם, און דא ווערט אברהם אלט, ואברהם זקן בא בימים, ס'איז געקומען די צייט יצחק זאל אנהייבן פירן, - ווי רש"י הק' ברענגט, אז אברהם האט איבערגעגעבן כל אשר לו ליצחק, - און יצחק איז דאך געווען די שורש פון מדת הגבורה, האט ער געטראכט וואס וועט דא זיין, ווי וועט ארויסקומען דער דרך פון אברהם, דער דרך פון זיין רבי'ן דארף דאך האבן א המשכה ווייטער, האט ער מתפלל געווען אז דער זיווג פון יצחק זאל זיין פון מדת החסד, אזוי וועט נזדווג ווערן חסד און גבורה צוזאמען, וועט פון דעם נולד ווערן די מדה פון יעקב, תפארת, וואס איז התמזגות פון חסד און גבורה צוזאמען, דארט וועט ארויסקומען די מדה פון אברהם, און נאכמער, דארט וועט די מדת החסד צוקומען צו א שלימות, ווען עס ווערט א התמזגות פוןביידע צוזאמען, פארדעם ווערט יעקב אע"ה אנגערופן יעקב שלימתא.

דאס האט ער מתפלל געווען "ועשה חסד עם אדוני אברהם", טוה א חסד מיט די מדה פון אדוני אברהם, אז זיין מדה זאל נישט פארלוירן ווערן, זיין דרך זאל האבן א המשכה אויף ווייטער, און "ועשה חסד" איז אויך טייטש, זיי מיר מזמין די מדת החסד, די זיווג זאל זיין פון די מדה. נאכדעם האט ער געזאגט, "והיה הנערה אשר אומר אליה וגו', ובה אדע כי עשית חסד", אזוי וועל איך וויסן אז דו האסט מיר מזמין געווען די מדת החסד, אויך איז טייטש "כי עשית חסד עם אדוני", אז דו האסט געטון חסד מיט די מדה פון אדוני, ס'זאל זיך ציען ווייטער.

דערנאך ווען רבקה האט געזען יצחק, האט זי געפרעגט, "מי האיש הלזה ההולך לקראתינו", ער איז דאך קעגן אונזער מדה, ער איז מדת הגבורה, און אויף דעם האט זי זיך געוואונדערט, האט איר אליעזר געזאגט, "הוא אדוני", דורך דעם וואס עטס וועט זיין צוזאמען, וועט זיך צוזאם קומען חסד און גבורה, וועט נתגלה ווערן די מדה פון אדוני, די מדה פון אברהם, און עס וועט יעצט ארויסקומען ווי עס דארף צו זיין, און דורך די זיווג וועט עס צוקומען צום שלימות.

אויך איז פשט "הוא אדוני", ער האט אין זיך די מדה פון אדוני אויך, ווייל יעדער האט אין זיך ביידע, אברהם האט אויך געהאט מדת הגבורה, און יצחק האט געהאט אויך מדת החסד, האט ער געזאגט, זי זאל נישט מורא האבן אז ס'איז לקראתינו ווייל יעדע מדה איז כלול פון ביידע, פארדעם קען נזדווג ווערן איינס מיט'ן צווייטן.

(עבו"ע שפת"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **יושע לייב קליין** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה וכו' שני חיי שרה, זאגט רש"י הק', כולן שוין לטובה.

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס מיינט רש"י צו זאגן מיט די ווערטער "כולן שוין לטובה", בגשמיות האט זי דאך נישט געהאט קיין גוט לעבן, זי האט דאך געליטן פון פרעה און אבימלך, און אויך געווארט זייער לאנג פאר קינדער, און אז ברוחניות איז גוט געווען ווייסט מען שוין דאך פון די דרש אז בת ק' כבת כ'.

נאר מען קען עס מסביר זיין, מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף י"ח ע"ב), "צדיקים במיתתם קרויים חיים", קומט אויס לויט דעם, אז שרה אמנו וואס זי איז געווען א צדיקת האט געהאט צוויי אנדערע לעבן'ס, איינס איז געווען ווען איהר גוף האט געלעבט, דאס איז נאר געווען פאר הונדערט זיבן און צוואנציג יאהר, אבער אפילו נאך איהר שטארבן לעבט זי נאך אויף יענער וועלט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, "ויהיו חיי שרה" די לעבן פון שרה וואס איהר גוף האט געלעבט איז נאר געווען "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", אבער דער פסוק זאגט ווייטער, זאלסט נישט מיינען אז דאס איז געווען די גאנצע לעבן פון שרה, נאר "שני חיי שרה", די לעבן פון שרה זענען געווען צוטיילט און צוויי, די צווייטע לעבן איז אויף יענער וועלט.

דאס מיינט רש"י כולן שוין לטובה, די לעבן פון שרה אויף יענער וועלט איז געווען נאר גוטס, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת פסחים (דף נ' ע"א) "לעולם הבא כולו הטוב והמטיב", אויף יענער וועלט איז נישט מעגליך צו זאגן די ברכה פון ברוך דיין האמת, אזוי ווי רש"י איז דארט מסביר, ווייל אויף יענער וועלט איז נאר גוטס.

מיט דעם איז אויך זייער פארשטענדליך די המשך הפסוקים וואס אברהם אבינו האט געזאגט "ואקברה את מתי מלפני", וואס לכאורה איז דאס ווארט "מלפני" איבריג, נאר אברהם האט געמיינט צו זאגן "ואקברה את מתי" איך וויל באגראבן מיין ווייב וואס לעבט נישט "מלפני" וואס ליגט דא פאר מיר, זי לעבט נישט נאר דא פאר מיר, אויף יענע וועלט לעבט זי יא.

(שמן ראש)






## גר ותושב אנכי עמכם, זאגט רש"י הק', אם תרצו הריני גר, ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הדין.

עס איז באקאנט אז דער קריגעריי צווישן די רועי לוט מיט די רועי אברהם איז געווען, אז די רועי לוט האבן געלאזט זייערע בהמות פאשענען אין פרעמדע פעלדער, און די רועי אברהם האבן גע'טענה'ט אז עס איז גזל, האבן די רועי לוט צוריק געענטפערט, דער אייבישטער האט דאך געגעבן ארץ כנען פאר אברהם, און וויבאלד אברהם האט נישט קיין יורש, איז לוט זיין יורש דעריבער מעגן מיר לאזן אונזערע בהמות פאשען אין פרעמדע פעלדער, ווייל עס איז ממילא אונזער'ס. אויף דעם שרייבט די תורה "והכנעני והפרזי אז ישב בארץ" אז דער טענה פון די רועי לוט איז נישט אמת, ווייל אברהם האט נאך נישט זוכה געווען אין ארץ ישראל.

אויב אזוי איז לכאורה שווער, וויאזוי קען אברהם זאגן אז אויב זיי ווילן אים עס נישט געבן, וועט ער דאס נעמען על פי דין, ווייל השי"ת האט געזאגט "לזרעך אתן את הארץ", דער אייבישטער האט דאך אים נאך נישט געגעבן ארץ כנען?

נאר מען קען עס מסביר זיין, אז מיר ווייסן דאך אז דורך די זכות פון די צען נסיונות וואס אברהם אבינו איז ביי-געשטאנען, האט ער זוכה געווען צו ירש'נען די לאנד פון צען פעלקער, איינע פון די נסיונות זענען געווען דאס וואס ער האט געדארפט קויפן א שטיקל ערד כדי צו באגראבן שרה, כאטש השי"ת האט איהם צוגעזאגט די אלע לענדער.

קומט אויס, אז אויב וואלטן די בני חת איהם גלייך אוועק געגעבן די שטיקל ערד בחנם, וואלט אברהם אבינו נאר געהאט ניין נסיונות, און אין די זכות פון די ניין נסיונות וואלט ער נאר באקומען די לאנד פון ניין פעלקער, אבער וויבאלד די בני חת האבן איהם דאס נישט געוואלט געבן, נאר ער האט דאס געמוזט קויפן מיט געלט, האט אברהם געהאט אלעס צוזאמען צען נסיונות, דעריבער האט אברהם זוכה געווען אין אלע צען פעלקער.

דאס קען אפשר זיין פשט אין רש"י, "אם תרצו" אויב איהר ווילט מיר געבן די שטיקל ערד, דעמאלט וועל איך נאר האבן ניין נסיונות, האב איך נאר די זכות צו באקומען די לאנד פון ניין פעלקער, וועט אויס קומען "הריני גר" בין איך א פרעמדער אין אייער לאנד ווייל איך האב נישט די זכות אויף צען פעלקער, "ואם לאו" אויב איהר ווילט מיר נישט געבן די שטיקעל ערד, וועל איך האבן צען נסיונות האב איך שוין די זכות צו באקומען די לאנד פון אלע צען פעלקער, אויב אזוי "אהיה תושב" בין איך א תושב ווייל עס קומט מיר, ואטלנו מן הדין. ודפח"ח.

*

## אך אם אתה לו שמעני נתתי כסף השדה קח ממני.

דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס האט אברהם זיך אנגעטראגן צו געבן געלט פאר עפרון, אין די צייט וואס עפרון האט עס געוואלט אוועק געבען פאר א מתנה.

נאר מען קען עס מסביר זיין, אז עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (חו"מ סימן רט"ו סעי' ו') אז דער וואס קויפט א פעלד איז נישט קונה די איבריגע זאכן וואס זענען אין די פעלד, נאר דאס עצם פעלד אליין, דער טעם דערפון איז, ווייל ווען איינער פארקויפט עפעס, פארקויפט ער דאס מיט א "עין רע", עכט וויל ער נישט אז יענער זאל האבן זאכן וואס געפינען זיך אין דעם פעלד. אבער דאס איז נאר, ווען יענער פארקויפט זיין פעלד, אבער ווען איינער געבט אוועק זיין פעלד פאר א מתנה, איז דער וואס באקומט דאס פעלד יא קונה אלע זאכן וואס געפינען זיך אין פעלד, ווייל דער וואס געבט א מתנה קען יא באשטיין יענער זאל האבן אלעם וואס איז אין פעלד, וויבאלד ער גיבט עס בעין יפה.

דאס קען זיין דא פשט, אברהם האט מדייק געווען אין עפרון'ס ווערטער וואס עפרון האט געזאגט, "השדה וכל אשר בו לך נתתיה", וואס לכאורה אויב עס זאל זיין אמת אז עפרון וויל באמת אוועקגעבן זיין פעלד פאר א מתנה צו אברהם, פארוואס האט עפרון געדארפט זאגן "וכל אשר בו" מען פארשטייט אליין אז ווען מען געבט א פעלד פאר א מתנה, איז שוין אין דעם אריין גערעכענט אלעם וואס ליגט אין פעלד, אלא מאי מוז זיין אז עפרון האלט נישט ביים אוועק געבן זיין פעלד פאר א מתנה, נאר ער וויל עס פארקויפן, צוליב דעם האט עפרון געמוזט זאגן "וכל אשר בו".

מיט דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט פארוואס אברהם האט פון זיך אליין'ס פארשטאנען אז עפרון וויל בכלל נישט געבן דאס פעלד פאר א מתנה, דעריבער האט אברהם געזאגט "כסף השדה קח ממני".

(נודע ביהודה)

## ויריץ העבד לקראתה, זאגט רש"י הק', לפי שראה שעלו המים לקראתה.

דער רמב"ן זאגט די ראיה פון ווי מיר זעהן אין פסוק אז די וואסער איז ארויף געקומען קעגן איהר, ווייל שפעטער ווען רבקה האט געשעפט וואסער פאר די קעמלן שטייט "ותשאב", און דא ווען זי האט גענומען וואסער פאר אליעזר שטייט נישט דאס לשון "שאיבה", מוז זיין ווייל דאס וואסער איז איהר אנטקעגן געקומען און רבקה האט נישט געדארפט אנשעפען.

דארף מען אבער פארשטיין, פארוואס ווען זי איז געגאנגען געבן טרינקען פאר די גמלים, איז נישט געווען "עלו המים לקראתה", נאר זי האט געדארפט ארויסשעפען די וואסער.

מען קען דאס מסביר זיין, ווייל דער עיקר פון א מצוה איז די מחשבה און די כוונה וואס מען האט אינזינען בשעת מען טוהט די מצוה, דעריבער דאס ערשטע מאל, וואס רבקה האט גענומען וואסער האט זי עס געוואלט נעמען פאר זיך, איז איהר די וואסער אנטקעגן געקומען כדי זי זאל זיך נישט דארפען אנשטרענגען, אבער שפעטער איז זי דאך געגאנגען נעמען דאס וואסער מיט די כוונה צו טוהן א מצוה, א גמילות חסד, האט מען פון הימל געוואלט אז זי זאל דוקא אליין טוהן די גאנצע פעולה פון דער מצוה, דעריבער איז דאס וואסער שוין נישט אנטקעגן געקומען, ווייל לפום צערא אגרא.

(קדושת לוי)

# א מעשה אויף די פרשה

## וה' ברך את אברהם בכל

דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע האט איינמאל סוכות געפרעגט זיינע תלמידים, וואו איז מרומז אז אברהם אבינו האט מקיים געווען די מצוה פון זיצן אין סוכה?

ווען קיינער האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, האט ער עס מסביר געווען, אז אין די פסוקים וה' ברך את אברהם בכל, בכ"ל איז ר"ת ב'סוכות תשבו שבעת ימים, כ'ל האזרח בישראל ישבו בסוכות, ל'מען ידעו דורותיכם.

*

## עבד אברהם אנכי

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט זיך אמאל געפינען אין א קליינעם דערפעל, וואו מ'האט אים נישט געקענט, און קיינער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, ווען ס'איז געקומען די צייט צו עסן, האט אים איינער פון די שטאטישע מענטשן איינגעלאדענט צו זיך אהיים.

אויפ'ן וועג האט אים דער חפץ חיים אריינגעמורמעלט אין אויער, אז ער איז דער "חפץ חיים", ווי נאר דער איד האט דאס געהערט האט ער זיך דערשראקן, און באלד געפרעגט, פארוואס האט איר דאס נישט געזאגט פאראויס, מיר וואלטן אייך מכבד געווען.

דער חפץ חיים האט אים געענטפערט, מיר געפינען אין פסוק, אז בעפאר אליעזר האט אנגעפאנגען צו עסן ביי בתואל, האט ער אים געזאגט "עבד אברהם אנכי", מיט דעם האט ער זיי געמיינט צו זאגן, אז ער קומט פון אן אפגעהיטענע הויז, וואו מ'עסט נאר כשר'ס, דעריבער זאלט איר אכטונג געבן וואס איר גיבט מיר צו עסן, דאס זעלבע זאגט דער חפץ חיים, צום ערשט האב איך נישט געוואלט זאגן ווער איך בין, אבער אצינד ווען ס'קומט צום עסן, קען איך שוין דאס נישט באהאלטן, ווייל כ'האב געוואלט מ'זאל מיר נאר געבן צו עסן אפגעהיטענע מאכלים.

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **יודל טירנויער** הי"ו (מאנסי)
לע"נ אביו הרה"ח ר' אלי' דוד ב"ר יצחק הלוי ע"ה - יארצייט כ"ח חשון
ובזכות זה יברכהו השי"ת בברכה והצלחה וסייעתא דשמיא אמן

## ויצא יצחק לשוח בשדה

עס שטייט אין גמרא, אז אברהם אבינו האט מתקן געווען תפילת שחרית, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק וישכם אברהם בבוקר ויעמוד במקום שעמד שם, און יצחק אבינו האט מתקן געווען תפילת מנחה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק ויצא יצחק לשוח בשדה, ואין שיחה אלא תפלה, און יעקב אבינו האט מתקן געווען תפילת ערבית אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויפגע במקום ההוא וכו'.

פרעגט די הייליגע קדושת לוי, אז לכאורה איז שווער אויף די לשון מנחה, שחרית איז א לשון פון צופרי, שמאיר השחר, און תפילת ערבית, איז בערב, אבער וואס איז פשט פון די נאמען תפלת מנחה.

ענטפערט דער קדושת לוי, אז תפלת שחרית דאווענט מען צו דאנקן דעם אייבערשטן פאר'ן אונז צוריק געבן די נשמה, און אויף אלע נסים וואס ס'געשעט אז די זין שיינט צופרי א.א.וו., און תפילת ערבית, דארף מען אויך דאווענען, ווייל מען גייט יעצט צוריקגעבן די נשמה פאר די גאנצע נאכט, און מען זאגט אמת ואמונה אז מען גלייבט אז די אייבערשטער גייט אונז עס צוריק געבן, אבער תפילת מנחה האט נישט קיין שום ספעציעלע סיבה צו מתפלל זיין, נאר דאס איז א נדבה וואס אונז געבן פאר'ן אייבערשטן, ווענן דעם הייסט דאס מנחה מלשון מתנה.

*

הרה"ק רבי מרדכי דוב מ'הארנאסטייפל זי"ע איז אמאל געווען אין צאנז, איז ער געגאנגען באזוכן זיין שוואגער ר' אהרן מצאנז זי"ע, ווען עס איז געקומען פארנאכטס האט ער געוואלט אוועקגיין, האט אים ר' אהרן געפרעגט פארוואס ער גייט שוין, האט ער אים גענטפערט אז ער יאגט זיך צו גיין דאווענען מנחה, האט ר' אהרן אים געזאגט אז עס איז נאך דא אסאך צייט ביז די זמן מנחה, האט ר' מרדכי דוב אים געענטפערט אז אונז דאווען מיר ווי פריער, האט אים ר' אהרן געזאגט עס שטייט דאך אין די תורה אז מען זאל דאווענען מנחה די שפעטסטע וואס איז שייך, האט ר' מרדכי דוב זיך פארטראכט א מינוט, און זיך נישט געקענט דערמאנען וועלכע פסוק רעדט פון דעם, האט אים ר' אהרן געזאגט אז די גמרא לערנט ארויס אז יצחק האט מתקן געווען תפילת מנחה פון די פסוק ויצא יצחק לשיח בשדה, לכאורה איז שווער פארוואס דארף אונז די תורה מודיע זיין ווי ער האט געדאווענט, וואס איז אונז א חילוק צו עס איז געווען אין הויז אדער אין פעלד, נאר וואס דען, ער האט געוואלט דאווענען די לעצטע מינוט'ן פון טאג, און עס שטייט אין מגן אברהם אז אין שטאט זעהט מען די שטערנס פריער ווענן די הויעכע מויערן, ווענן דעם איז מען משער די זמן צאת הכוכבים לויט וואס מען זעהט אין פעלד מחוץ לעיר, ווענן דעם זאגט אונז די פסוק אז יצחק אבינו האט געדאווענט אין פעלד כדי צו קענען אויסרעכענען צו קענען דאווענען גלייך פאר עס ווערט נאכט.

*

דער אונסדארפער רב זי"ע איז אמאל געפארן אויפ'ן וועג מיט הרה"ק ר' שלמה מ'באבוב זי"ע, האט ער געפרעגט פון באבוב'ער רב פארוואס די חסידים דאווענען שפעט מנחה ממש נאנט צום זמן, האט אים ר' שלמה'לע געענטפערט, אז נאכמיטאג בשעת די זמן מנחה, זענען די דינים זיך מתגבר, און עס הערשט דעמאלס שטארקע דינים, און ווי שפעטער עס ווערט אלס שטערקער ווערט די דינים אויפ'ן וועלט, ווענן דעם דאווענען חסידים נאנט צום זמן הלילה, כדי צו ממתיק זיין די דינים.

האט אים אונסדארפער רב געזאגט אז דאס קען זיין מרומז אינעם פסוק, ויצא יצחק לשיח בשדה וירא והנה גמלים באים, וואס דאס מיינט אז ער האט מתקן געווען מנחה, און עס שטייט אין גמרא הרואה גמל בחלום מיתה נגזרה עליו, דאס זאגט די פסוק אז ווען יצחק האט געזעהן אז די גמלים קומען דאס מיינט אז די דינים זענען זיך מתגבר, דעמאלטס האט ער מתקן געווען מנחה דאס צו מתקן זיין.

*

**ויוצא העבד כלי כסף וכלי זהב ובגדים ויתן לרבקה.**

דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע פלעגט שטארק אנזאגן פאר זיינע חסידים וועלכע זענען געקומען זיך מזכיר זיין בעפארן טון א שידוך, אז זיי זאלן אריינשרייבן אין די תנאים אז די כלה וועט גיין אנגעטון אזוי ווי א אידישע פרוי דארף צו גיין, און ער פלעגט זאגן אז צוליב דעם האט אליעזר מיטגענומען מיט זיך קליידער פאר רבקה, ווייל וויסענדיג וועלכע קליידער מ'גייט אנגעטון ביי לבן אינדערהיים, און דאס קען מען נישט אנגעטון ביי אברהם אבינו, האט ער מיטגענומען קליידער כדי גלייך ווען זי וועט אריינקומען צו יצחק אבינו, זאל זי גיין אנגעטון בצניעות ווי עס פאסט.

המשך מע' א

שירשו לבניו, והוקשו המפרשים האיך נתן הקב"ה את הארץ לאברהם, הא אמרו חז"ל (קידושין לט:) "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", ומתרצים דזהו רק באדם שיש לו סיבות בעולם הגשמי, מה שאין כן אברהם אבינו שהיה כולו נשמה דגם גופו הי' לה', לאדם כזה יש שכר גם בעולם הזה, וזהו "אחד היה אברהם", דבאברהם היה הגוף והנשמה "אחד", כולו בלתי לה', לכן "ויירש את הארץ", היה יכול הוא בעצמו ליירש ארץ ישראל, דלאברהם יכול ליתן שכר גם בעולם הזה.

(עבודת עבודה אמ"ק קרח)

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים ועניינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

### המשך מאמר בענין:

## הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

### דעת הרא"ה כי מקום שיש בו רוחות נידון כשעת הסכנה

היתר נוסף בדבר הוא מצד דברי הריטב"א (שבת כא: בד"ה ובשעת) שכתב: "פירוש, לא סוף דבר סכנת נפשות, דאם כן פשיטא דעל מצות עשה לא יהרג, וכדאיתא לקמן במכילתין גבי תפילין (שבת מט.) כו', אלא אפילו סכנת צער או איבה כמו בצרפת. ולכן פירש רש"י ז"ל כאן דהיינו מפני הפרסיים שלא היו מניחין להדליק נר בשום בית ביום ידוע של אידם, וכדאמרינן התם (גיטין יז.) אתא חברא שקל שרגא. ולפיכך היה אומר מורי הרב ז"ל, שכשנושב רוח שאי אפשר להדליקה בחוץ מדליקה בפנים בביתו"[1].

הרי לנו דעת הרא"ה ז"ל, כי אף מחשש נשיבת הרוחות יש גם כן לחייב להדליק על שולחנו בתוך הבית, ואם כנים הדברים, הרי מצד מציאות הדברים אף בארץ ישראל, אי אפשר להדליק נר מחוץ לחצר ביומי דחנוכה, שהרי הרוח מנשבת עד מאד, ולולא המצאת בתי הזכוכית המיוחדים להדליק בתוכם נרות חנוכה, לא היה במציאות לעשות כן, וממילא שוב יש כאן מקום היתר של שעת הסכנה לפי דעת הריטב"א בשם הרא"ה[2].

אם כי יש להעיר הערה גדולה בדעת הרא"ה, כי הרי פשוט הדבר שבימי חכמינו ז"ל הדליקו בפתחי החצירות, על אף הרוחות שהיו מצויות גם בימיהם, ואם כדברי הרא"ה שהרי זה נחשב כשעת הסכנה, אם כן איך היה מציאות של חיוב להדליק בפתחי החצירות, וצ"ע[3].

### דעת הגאונים כי חשש גנבים נידון כשעת הסכנה

ויש להוסיף בזה עוד, כי בדברי הגאונים (סידור רב עמרם גאון, סדר חנוכה אות ס"ד) מצאנו כי שעת הסכנה כוללת גם כן 'סכנת גנבים', והיינו מחשש שמא תיגנב המנורה בה מדליק, ואכן כתב רבינו ירוחם (תולדות אדם וחוה נתיב ט' חלק א'): "ועתה נוהגין להדליקה מבפנים לפתח הסמוך לרשות הרבים, ויש שנוהגין להדליקה מבפנים לפתח הסמוך לחצר משום דשכיחי גוים וגנבים", ועל כן אדרבה על ידי מנהג החסידים הנוהגים להדר ולהדליק במנורה מוכספת וכדו', שוב יש ללמד זכות מה טעם אין להדליק בחוץ, שהוא מחשש גנבים.

ואכן עינינו הרואות כל אלו הנוהגים להדליק בחוץ, שאין מדליקים אלא במנורה פשוטה מפח או ברזל פשוט, בלא כל הידור במנורה, ולכן יש מקום ללמד זכות על הנוהגים להדר ולהדליק במנורה מכסף או זהב, אשר על כן אינם יכולים להדליק בחוץ שמא תיגנב על ידי גנבים, ועל כן הוא סניף נוסף להתיר להקל בזה ולהדליק בפנים אף בזמנינו.

### דעת הצפנת פענח כי אחר שבטלה מגילת תענית אין דין פרסום הנס בהדלקת נרות חנוכה

הגאון הרוגוטשובי זי"ע (צפנת פענח פ"ג מחנוכה ה"ג; שו"ת החדשות או"ח סי' ט"ו) חידש, כי בעצם בדין הדלקת נרות חנוכה יש ב' דינים, א' מצות הדלקה זכר לנס, ב' דרך לפרסם הנס, והנה החלק על פרסום הנס הוא חלק מדין מגילת תענית, וממילא אחר שקי"ל (ראש השנה יח:) דבטלה מגילת תענית, אם כן שוב אין לנו אלא דין ההדלקה זכר לנס, ואין לנו את הדין של פרסום הנס, וממילא יש מקום לומר שלכן אין צריכים להדליק מבחוץ, כי כיום אין בהדלקת נרות חנוכה משום פרסום הנס, אלא משום קיום מצוה שנקבעה לזכר הנס.

### דעת הדבר יהושע כי היום אין להדליק בחוץ אלא רק בפנים

הגאון רבי יהושע מנדל ארנברג זצ"ל בתשובות דבר יהושע (ח"א סי' מ'; ח"ב סי' ק"א - ק"ג), יצא לחדש, כי בעוד שכל האחרונים שהזכרנו מדבריהם יצאו לדון בדרכי ההיתר שיכולים להדליק כיום בפנים, אך עדיין דעת כולם שוה כי בוודאי יש הידור להדליק בחוץ, אלא שדחקו למצוא היתר להדליק בפנים, אמנם הגאון הדבר יהושע עלה בידו להסיק, כי לא זו בלבד שיש מקום להדליק בפנים, אלא שיתכן כי אלו המדליקים בחוץ אינם יוצאים ידי חובה.

את דבריו קבע הדבר יהושע, כי מאחר וקבעו חכמינו ז"ל בשעת הסכנה שידליקו בפנים, אם כן שוב נקבע כן הדבר מעתה, והוא גדר צורת התקנה לקיים הדבר, והוכיח כן (ח"א סי' מ' אות ו') מדברי הגמרא (כתובות ג:) שתיקנו מתחילה שיהיו כונסים את הבתולה ברביעי בשבת, ומשעת הסכנה ואילך היו כונסים ביום שלישי ולא מיחו בידם חכמים, הרי שלא רק בשעת הסכנה עצמה תיקנו כן, אלא משעת הסכנה ואילך הוא שנהגו כן, אף שכבר לא היה שעת הסכנה, על כן גדר הדבר הוא שכן נקבע משעת הסכנה להיות התקנה נוהגת כן.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**

---

1 א. התוס' (שם בד"ה בן פקועה) כתבו כי אף אם שהייה אינה פוסלת, מכל מקום כל חצי סימן נידון כשחוט ואין כאן שחיטת רוב שני הסימנים, ולכן שחיטתו פסולה.
ב. שם הגירסא 'שמעון', אבל הראבי"ה (הלכות סוכה סי' תריא) הביא הגירסא 'שמשון', וכן הוכיח באוצר הגדולים - אלופי יעקב (אות י ערך תתשכד) כי רבינו תם היה חתנו של ר"י אביו של הר"ש מפלייזא.
ג. ויש לציין, כי הגרי"ז מבריסק זי"ע אף אחז להלכה ולמעשה כי בשעה שיש רוח גדולה בחוץ ואי אפשר להדליק כ"כ, הרי זה מוגדר כשעת הסכנה, והובא מעשה רב שהדליק בתוך ביתו כשהיו רוחות נושבות בחוץ, אלא שכל שנרגעו הרוחות חזר והדליק בחוץ, כי שוב אינו שעת הסכנה, עי' בכ"ז בקונטרס חנוכה (טורצין, סי' ג' אות ג') מש"כ בזה.
ד. ויש להוסיף, כי הובא עוד בשם הגרי"ז מבריסק זצ"ל, כי כשם ששלא בשעת הסכנה אי אפשר לצאת ידי חובה על ידי הדלקה בפנים, באותה מידה בשעת הסכנה אי אפשר לצאת ידי חובה על ידי הדלקה בחוץ, וילה"א בזה.
ה. ועי' יעב"ץ (ח"א סי' קמ"ט): "ולזאת תמהתי מנעורי שהרי בימי חכמי התלמוד היו מניחין אותו על פתח החצר מבחוץ כמצותו, והרי הוא מגולה לאויר השמים במקום שהרוח שולט, ואי אפשר שידלוק כשיעור מצותו אם לא בדרך אפשרי רחוק, והיאך יצאו בזה אם לא שהעמידו שומר רוח לא יגרע מצדיק עינו להשגיח עליו אם יכבה לחזור ולהדליקו, וזה גם כן קשה מאד על כל אדם". ג. ויש לציין, כי הגרי"ז מבריסק זי"ע אף אחז להלכה ולמעשה כי בשעה שיש רוח גדולה בחוץ ואי אפשר להדליק כ"כ, הרי זה מוגדר כשעת הסכנה, והובא מעשה רב שהדליק בתוך ביתו כשהיו רוחות נושבות בחוץ, אלא שכל שנרגעו הרוחות חזר והדליק בחוץ, כי שוב אינו שעת הסכנה, עי' בכ"ז בקונטרס חנוכה (טורצין, סי' ג' אות ג') מש"כ בזה.

2 ד. ויש להוסיף, כי הובא עוד בשם הגרי"ז מבריסק זצ"ל, כי כשם ששלא בשעת הסכנה אי אפשר לצאת ידי חובה על ידי הדלקה בפנים, באותה מידה בשעת הסכנה אי אפשר לצאת ידי חובה על ידי הדלקה בחוץ, וילה"א בזה.

3 ה. ועי' יעב"ץ (ח"א סי' קמ"ט): "ולזאת תמהתי מנעורי שהרי בימי חכמי התלמוד היו מניחין אותו על פתח החצר מבחוץ כמצותו, והרי הוא מגולה לאויר השמים במקום שהרוח שולט, ואי אפשר שידלוק כשיעור מצותו אם לא בדרך אפשרי רחוק, והיאך יצאו בזה אם לא שהעמידו שומר רוח לא יגרע מצדיק עינו להשגיח עליו אם יכבה לחזור ולהדליקו, וזה גם כן קשה מאד על כל אדם".

# הואיל משה באר

הקדמת הרמב"ם לסדר קדשים

עריכה: נתנאל הערשקאוויטש

## הקדמה

בשמחה רבה התחילו מאות לומדי מזון הנפש ללמוד סדר קדשים במסגרת החבורה.

סדר קדשים מיועד לבאר כל עניני הקרבנות והעבודה שנהגו בזמן שבית המקדש היה קיים, ושיחזרו על מכונם במהרה בימינו בבנין בית השלישי.

אם אמנם עבודת הקרבנות אחד מעמודי העולם ואבן פינה בתורתינו, כבר מזמן הראשונים הזניחו רבים את לימוד סדר קדשים והבקיאות בכל ענפיו ופרטיו, בהרגישם כי אין הלכות אלו שייכים בזמן הזה כאשר בעוונותינו חרב מקדשנו ובטלה עבודת בית אלקינו. ואם פרשיות רבות בתורה מפורשות בדיני הקרבנות, מעבירים את הסדרה במהירות ומאזינים לקריאת התורה באוזן רפויה, ואין שׂמים על לב להחדיר את הדברים ולשנותם כמו ששונים שאר חלקי התורה הנוגעים למעשה בזמן הזה, אלא הילכתא למשיחא.

אך המעיין בדברי רבותינו ז"ל יראה שלא כמחשבותינו מחשבתם. כפי שכתב הרמב"ם (סוף מסכת מנחות):

אמרו גם כן, זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם, כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה ומנחה וחטאת. ואמרו, תלמידי חכמים העוסקים בהלכות עבודה מעלה עליהן הכתוב כאילו נבנה בית המקדש בימיהם. ועל כן ראוי לאדם להתעסק בדברי הקרבנות ולשאת ולתת בהן, ולא יאמר הרי הן דברים שאין צורך להן בזמן הזה כמו שאומרים רוב בני האדם.

ואמנם במשך הדורות ראינו להרבה מגדולי ישראל שלאו רבות לבאר וללבן כל דברי סדר קדשים על בוריים, והסיקו שמעתתא אליבא דהילכתא להיות מוכן ומזומן למהרה יבנה המקדש.

הגדיל לעשות מרן החפץ החיים ז"ל בדור האחרון, שדרש ופעל אצל גדולי ישראל להחזיר עטרת סדר קדשים ליושנה, ואף ראה בזה התעוררות בשמי מעל לבנין בית המקדש. כמו שכתב בהקדמת ספרו ליקוטי הלכות:

וכשיראה השי"ת שישראל עמו מכינים עצמן לדעת דיני העבודה בכל הלכותיה, ועומדים ומצפים מתי יגיע דבר זה למעשה, בודאי יחוש לגאלנו ויבנה לנו בית תפארתנו.

והנה הרמב"ם בהקדמתו לסדר קדשים, בבואו לבאר מסכתות העוסקות בדיני הקרבנות, ראה איך נתמעטה הידיעה אצל ההמון ואינם בקיאים בענינים אלו, למרות הדברים מפורשים בפסוקי התורה. ולזה ראה צורך לערוך שלחן ולסדר עליו כל חלוקי הקרבנות באר היטב, לשמש כפתיחה לאדם הנכנס למבואות הקדשים.

על כן בבואינו לפתוח סדר זה, הננו להגיש כאן הקדמת הרמב"ם לפני הלומד. היות ולשון הרמב"ם בפירוש המשנה קשה באיזהו מקומן, סידרנו בעזה"ה את דברי הרמב"ם בניקוד, בחלוקת פסקאות, בכותרות, ובהערות פה ושם להבנת הענין, ובשבועות הבאים תופיע ההקדמה במדור זה בעז"ה.

*

## הקדמה להרמב"ם לסדר קדשים

רָאִיתִי לְדַבֵּר דָּבָר בְּחֶלְקֵי הַקָּרְבָּנוֹת. וְאֶכְלֹל מִינֵיהֶם קֹדֶם שֶׁאַתְחִיל לְפָרֵשׁ הַסֵּדֶר הַזֶּה.

## רוב האנשים אינם יודעים דיני הקרבנות

וַאֲשֶׁר הֱבִיאַנִי לְכָךְ, עִם הֱיוֹת חֲלוּקֵיהֶן דָּבָר מְבֹאָר וְכֻלָּן מִפְּסוּקֵי הַתּוֹרָה וְאִי אֶפְשָׁר לְחַדֵּשׁ בָּהֶן וְלֹא לְדַקְדֵּק, הֱיוֹת הָעִנְיָן זֶה, רְצוֹנִי לוֹמַר עִנְיַן הַקָּרְבָּנוֹת, כְּבָר אָבַד בַּעֲוֹנֹתֵינוּ הָרַבִּים, וְאֵין מַשְׁגִּיחִין בּוֹ אֶלָּא מְעַט מִבְּנֵי אָדָם, וְאֵין זִכְרוֹ מֻרְגָּל אֵצֶל שׁוּם אָדָם וַאֲפִלּוּ נָשָׂא וְנָתַן בּוֹ לְפִי שֶׁאֵין שָׁם מַעֲשֶׂה לְקַיֵּם הַהֶרְגֵּל, וְאֵין שׁוֹאֵל וְאֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ עַל שׁוּם דָּבָר מֵהֶן כָּל עִקָּר, עַד שֶׁנִּשְׁתַּוּוּ בּוֹ הֶחָכָם הַגָּדוֹל עִם הַסָּכָל מִן הֶהָמוֹן, וְרֹב הַתַּלְמִידִים אֵינָן יוֹדְעִים מִן הַקָּרְבָּנוֹת אֲפִלּוּ מָה שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם פְּסוּקִים רַבִּים.

## בעלי חיים הכשרים לקרבן

וְהַקָּרְבָּנוֹת שֶׁמְּבִיאִין מִבַּעֲלֵי חַיִּים מַקְרִיבִין אוֹתָן מֵחֲמִשָּׁה מִינֵי בַּעֲלֵי חַיִּים בִּלְבַד, וְהֵן:

1) הַצֹּאן
2) וְהַבָּקָר
3) וְהָעִזִּים
4) וּקְטַנֵּי בְּנֵי יוֹנָה
5) וּגְדוֹלֵי הַתּוֹרִים.

## סוגי הקרבנות

וּמִינֵי הַקָּרְבָּנוֹת הֵן אַרְבַּע:

1) הַחַטָּאת
2) וְהָאָשָׁם
3) וְהָעוֹלָה
4) וְהַשְּׁלָמִים, אוֹ הַדּוֹמֶה לִשְׁלָמִים.

וְאֵין בְּתוֹרָתֵנוּ קָרְבָּן בְּשׁוּם פָּנִים, לֹא קָרְבַּן יָחִיד וְלֹא קָרְבַּן צִבּוּר, זוּלָתִי אֶחָד מֵאֵלֶּה הָאַרְבָּעָה מִינִין אוֹ כֻּלָּן.

## עולה

וְהָעוֹלָה הִיא נִשְׂרֶפֶת כֻּלָּהּ, בֵּין שֶׁהִיא קָרְבַּן יָחִיד אוֹ קָרְבַּן צִבּוּר.

וְאֵינָהּ בָּאָה אֶלָּא מִזִּכְרֵי הַצֹּאן אוֹ הַבָּקָר אוֹ הָעִזִּים. וְתִהְיֶה מִן בְּנֵי הַיּוֹנָה וְהַתּוֹרִים, וְאֵין בִּשְׁנֵיהֶן הֶפְרֵשׁ בֵּין זָכָר לַנְּקֵבָה.

## חטאת

וְהַחַטָּאת שְׁנֵי חֲלָקִים: הָאֶחָד שֶׁמַּקְרִיבִים מִמֶּנּוּ הָאֵמוּרִים וְיֹאכְלוּ זִכְרֵי כְּהֻנָּה הַנּוֹתָר בָּעֲזָרָה. וְהַשֵּׁנִי שׂוֹרְפִין הַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר.

וְתִהְיֶה מִן הַזְּכָרִים וּמִן הַנְּקֵבוֹת וּמֵחֲמִשָּׁה הַמִּינִים שֶׁל בַּעֲלֵי חַיִּים גַּם כֵּן.

## אשם

וְהָאָשָׁם מַקְרִיבִים מִמֶּנּוּ הָאֵמוּרִים וְיֹאכְלוּ זִכְרֵי כְּהֻנָּה הַנּוֹתָר בָּעֲזָרָה.

וְלֹא יִהְיֶה כִּי אִם מִזִּכְרֵי הַכְּבָשִׂים בִּלְבַד, פְּעָמִים מִן הַגְּדוֹלִים וּפְעָמִים מִן הַקְּטַנִּים, וְעוֹד נְבָאֵר זֶה.

וְאֵין בְּקָרְבְּנוֹת צִבּוּר אָשָׁם, וְאֵינוֹ אֶלָּא קָרְבַּן יָחִיד לְעוֹלָם.

**המשך בשבוע הבא**

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי נפתלי מליזענסק זיע"א.

*דעם קומענדיגן זונטאג תולדות - כ"ה חשון געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי נפתלי מ'ליזענסק, רבי נפתלי בן רבי אלעזר זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער רבי נפתלי וויסבלום מ'ליזענסק זי"ע איז געבוירן געווארן אין שנת תקכ"ה צו זיין גרויסן פאטער הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע, א זון פונעם רבן של ישראל דער הייליגער רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע.

רבי נפתלי פלעגט אסאך פארן צום הייליגן אהבת שלום מ'קאסוב זי"ע, און איז געווען זייער נאנט צום הייליגן ראפשיצ'ער רב זי"ע.

ווען ער האט זיך אמאל געפונען אין א מורא'דיגן דחקות איז ער ארום געפארן נאך געלט אינעם באגלייטונג פון הייליגן דברי חיים זי"ע און הרה"ק רבי שלום קאמינקא'ר זי"ע.

### נישט געוואלט פירן באדמור"ת

רבי נפתלי האט בשום אופן נישט געוואלט נוהג זיין באדמורו"ת און האט פארטריבן די חסידים מיט כח.

דער הייליגער שינעווא'ר רב זי"ע האט געזאגט: "אלע רבי"ס האט מען געצווינגען פון הימל צו זיין רבי, און נאר רבי נפתלי האט גע'פועל'ט נישט צו זיין רבי".

כאטש ער האט טאקע נישט געוואלט אננעמען קיין רבי'סטעווע, האט ער אבער אין טאג אין יאר משנה געווען פון זיין מנהג, זיך אנגעטוהן רבי"שע מלבושים און געפראוועט אן עולם, דאס איז געווען אין דעם הייליגן טאג פורים.

די חסידים פלעגן דערציילן אז מען האט דאן געזען ביי אים אויסערגעוועונליכע זאכן, ווי אויך אפענע מופתים, אז אפילו שווערע בעלי מום ווי שטומע, הינקעדיגע און אנדערע קראנקע ל"ע, זענען ביי אים געהאלפן געווארן אין דעם הייליגן טאג.

### "פסח" איז דאך נאר "אכט טעג"

אמאל איז רבי נפתלי געקומען אין א שטאט, און א איד האט אים איינגעלאדענט ער זאל קומען צו אים אהיים.

רבי נפתלי האט אים געזאגט אז ער וועט קומען אויב ער וועט אים צוליב טוהן צוויי זאכן: איינס, ער זאל צוזאמשטעלן א מנין אויף קידוש לבנה. צוויי, ער זאל אנגרייטן א פיש אויף'ן סעודה נאך קידוש לבנה.

דער איד האט געענטפערט אז א מנין קען ער אים שאפן, אבער פיש נישט, וויבאלד עס איז נישטא קיין טייך אין גאנצן געגענט, איז פון וואו זאל ער נעמען פיש. רבי נפתלי האט מסכים געווען אויך אן דעם צווייטן תנאי און איז געגאנגען צו דעם איד אהיים.



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ה חשון | הרה"ק רבי נפתלי בן רבי אלעזר זי"ע - מ'ליזענסק | תקצ"ט |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ד חשון | הרב החסיד ר' יעקב בן ר' שלמה הכהן ע"ה כ"ץ<br>מחותנו של רביה"ק זי"ע | תשס"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד חשון | הרה"ג ר' משה יהודה לייב בן הגה"צ רבי יחיאל מיכל ז"ל ליעבערמאן<br>מ'בעסערמין | תשע"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ה חשון | הרב החסיד ר' אהרן שאול בן ר' אברהם יצחק ע"ה סאנדעל | תשפ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ז חשון | האשה החשובה מרת מלכה בת ר' שמואל ע"ה ווידער<br>אשת הרה"ח ר' חנוך אלימלך ע"ה | תשס"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ח חשון | הרב החסיד ר' אלי' דוד בן ר' יצחק הלוי ע"ה טירנויער | תשנ"ז | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ט חשון | הרב החסיד ר' נחום בן ר' שלמה ע"ה מאשקאוויטש | תשע"ו | ביה"ח בקרית יואל |

אזוי ווי דער איד קומט אהיים, קומט אים פלוצלונג אנטקעגן א גוי, און שלעפט מיט זיך א גרויסע פיש צום פארקויפן, דער איד האט זיך גאר שטארק געפריידט, און האט תיכף אפגעקויפט דעם פיש, און אנגעגרייט א סעודה לכבוד רבי נפתלי.

דער בעל אכסניא האט צוגעזעהן אזא זאך, האט ער פארשטאנען אז דער גאסט איז זיכער א דערהויבענער איד, האט ער אים געגעבן א קוויטל און זיך מזכיר געווען אז היות ער פלעגט אלעמאל דינגען דעם קרעטשמע פונעם פריץ, און יעצט איז געקומען א צווייטער איד און אים אויסגעדינגען דעם קרעטשמע פונעם פריץ, און ער איז געבליבן אן קיין פרנסה. פרעגט אים רבי נפתלי, ווי אזוי הייסט דער איד וואס האט דיר אויסגעכאפט מיטן מקח, ענטפערט ער "פסח", זאגט אים רבי נפתלי, "פסח איז דאך נאר אכט טאג!".

דער בעל אכסניא האט זיך געוואונדערט אויף דעם אינטערעסאנטן ענטפער, אבער ער האט געהאט אמונת צדיקים אז ער איז שוין א געהאלפענער.

ווען רבי נפתלי איז אוועקגעפארן, האט דער איד דערציילט די מעשה אין שטאט, און דער עולם האט אים אויסגעלאכט.

אזוי זענען אריבער עטליכע טעג, און עס זעהט זיך גארנישט קיין ישועה, און דערווייל ווערט ער צושפאט פאר'ן גאנצן שטאט.

עס זענען אדורך אכט טעג פונעם מעשה, און דער בעל אכסניא שעמט זיך צו גיין אין שוהל זיך ווייזן דעם פנים, איז ער געבליבן אינדערהיים.

עס דויערט נישט לאנג און איינער קומט אים דערציילן, אז דער פריץ האט פארשיקט דעם פסח פון גאסט הויז. דער בעל אכסניא האט אים נישט געגלייבט, און געמיינט אז זיכער טרייבט ער שפאס פון אים, אבער דער וועלכער איז אים געקומען זאגן, ווייזט אים פון פענסטער א אנגעלאדענטע וואגן מיט פסח'ס הויז-געזונד גרייט ארויסצופארן פון שטאט, זיי שטייען און קוקן אויפ'ן וואגן און אזוי קומט אונטער א שליח פון פריץ אז ער זאל זאפארט אריבערקומען צו אים.

"צו וועלכן ראבינער ביסטו געפארן?" האט אים דער פריץ געפרעגט ווען ער איז אנגעקומען אין זיין הויז. "איך בין נישט געפארן אין ערגעץ, איך בין געזעצן אין שטוב די גאנצע צייט", זאגט אים דער איד. "מיר ווערסטו נישט ליגענט זאגן", האט זיך דער פריץ נישט געלאזט.

דער פריץ דערציילט אים, אז שוין אכט טעג וואס ער חלום'ט זיך ביינאכט אז א רבי קומט אים זאגן אז ער זאל צוריקגעבן דעם קרעטשמע פאר אונזער בעל אכסניא, אבער ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט. "היינט בין אין פלוצלונג איינגעשלאפן אינמיטן טאג, כאטש עס פאסירט קיינמאל נישט ביי מיר", זאגט דער פריץ, "און אט באווייזט זיך דער רבי פאר מיר, און מיר געשלאגן און געווארנט, אז אויב איך געב נישט צוריק דעם גאסט הויז, דאן וועט ער מיר אומברענגען", און דערביי האט אים דער פריץ באוויזן די צייכענס פון קלעפ וואס דער הייליגער רבי נפתלי האט אים געגעבן.

דער איד האט טאקע צוריק באקומען זיין פרנסה אזוי ווי פריער, אזוי ווי דער רבי האט אים געזאגט אז פסח איז נאר אכט טעג...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**




# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

מ'זאל קוקן צו די העמד מאכט נישט קיין חציצה, און אויב יא זאל מען עס ווועקנעמען[1].

פארן מאכן די הידוק מיט די רצועה, זאגט מען די ברכה[2], (מ'זאל נישט מאכן די הידוק בשעת'ן מאכן די ברכה[3], און נישט נאכן מהדק זיין[4]).

## די ברכה

מ'זאל זאגן די ברכה געלאסן, יעדעווארט קלאר, און אינזין האבן די פירוש המילות[5] (די ברכה גייט אויך ארויף אויף די תפילין של ראש[6]), 'ברוך אתה ה', אלוקינו מלך העולם, אשר קדשנו במצוותיו, וציונו להניח תפילין'.

די ה"א פון די ווארט 'לה7ניח' דארף ווערן געזאגט מיט א קמ8ץ הא[7].

ס'גוט אז די חיריק פון די ווארט 'תפ1ילין', און בעיקר פון די 'ל', זאל זיין גוט ארויסגעזאגט[8].

די וואס לייגן אויך ר"ת תפילין גלייך נאכן דאווענען, איז ראוי אויך אינזין צו האבן, אז די ברכות זאלן ארויפגיין אויף די ר"ת תפילין[9].

## הידוק און כריכות

גלייך נאך די ברכה איז מען מהדק דעם קשר אויפן האנט.

בשעת'ן מהדק זיין האט מען אינזין א) אז מ'וויל מקיים זיין די מצוה; ב) און מ'האט אינזין די טעם פון די מצוה[10].

אונזער מנהג איז די מנהג הספרדים, אז מ'דרייט פון אינעווייניג אויף ארויס[11]. (מנהג אשכנז, אז מ'דרייט אויף אריין).

וויבאלד די רצועה ווערט איינגעבויגן ביים הידוק, און דעמאלטס אויב די רצועה ווערט ארייגעבויגן אויף ארויס, איז די אונטערשטע חלק רצועה אויפגעהויבן, איז ראוי צו נזהר זיין דערין[12]. (ס'דא וואס עצה'נען צו בייגן די רצועה אויף אריין, אזוי זאל זיך נישט ארויסזען די אונטערשטע חלק רצועה. ס'דא וואס זענען חושש אז עס ווערט קלענער פון א שעורה[13], אבער מעיקר הלכה דארף מען נישט חושש זיין אז ס'ווערט קלענער פון א שעורה)[14].

ס'דא וואס דרייען נאכדעם די רצועה ארום די מעברתא, אזוי וועט זיך די קשר פון די יו"ד (און אויך די תפילין אליין) האלטן מהודק צום תפילין[15]. ס'דא וואס דרייען די רצועה אויף די תיתורא[16].

1 אם הי' הבגד חוצץ בין התפילין לזרוע בשעת הברכה, ומיד אחר הברכה הסיר את הבגד אף שאפשר לומר שנחשב הונח מעצמו מ"מ יצא.

2 שו"ע (סי' כה ס"ה וח').

3 אבני נזר על קיצוש"ע (סי' י אות ה) 'קודם שמהדק את הקשר מברך, גם בזה צריך להזהיר מאוד את ההמון, שמהדקין את הקשר, ובתחילות הכריכות מברכין וכורכין בבת אחת'.

4 אבל אם שכח לברך עד שהידק כבר, יכול בדיעבד לברך, עי' מ"ב (סקכ"ו) 'ובדיעבד יברך אפילו אח"כ דמצוה שיש לה משך זמן הוא בכולי יומא'.

5 חיי אדם (כלל ה ס"א) 'וצריך האדם ליזהר מאוד שיברך ביראה וכוונה רצויה'.

6 מ"ב (סי' כה סקל"א).

7 ווייל א פתח אונטערן 'הא' מיינט אפלאזן. שו"ע (סי' כה ס"ז) 'יברך להניח בקמץ, ולא בפתח ובדגש'. והוא כלשון הפסוק (יחזקאל מד ל) להניח ברכה אל ביתך, ולא בפתח שהוא לשון עזיבה, מלשון הכתוב (בראשית מב לג) אחיכם האחד הניחו אתי, שועה"ר (סט"ו).

ויש שכתבו שיש לדייק לומר הלמ"ד בשווא ולא בפתח, כמבואר בסי' תקפא לגבי 'וכתוב לחיים', והכוונה דשם מבואר שיש לומר הלמ"ד בשווא דלא לישתמע 'לא חיים'. וכמדומה שכן נהוג, וגם נייח יותר לומר הלמד בשווא מלאומרו בפתח, וא"כ כמעט שאין עושים טעות כזה.

8 בהלמ"ד של תפילין יש דגש, ובמג"א (סק"ח) ומ"ב (סי' כה סקי"ט) ועוד מבואר שתפילין הוא מלשון פלילה שהוא לשון הוכחה שהתפילין הוא עדות והוכחה שהשכינה שורה עלינו, כמ"ש (דברים כח י) 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך', ודרשו חכמים אלו תפילין שבראש, לכך בא הדג"ש דהוי כאילו נכתבו בשני למד"ן, וכ"כ במחצה"ש (סק"ח), וראה בערוה"ש (סי' כה סי"ד) 'ולכן באמרו להניח תפלין וכן על מצות תפילין ידחיק הלמ"ד כדין דגוש'.

ונהוג בכמה קהילות ללמד שיש להדגיש החיריק שב'למד', והוא ביסוד שזה נקרא דגוש. אכן כעת לא מצאתי מבואר שדגוש הכוונה שיש להדגיש הנקודה והיינו החיריק, אלא שהוא כאומר תפיל0ל1ין, והביאור עי' בספר דרך חיים (לרבינו מנחם די לונזאנו - מובא בשם הגדולים 'אביר בתורה בזמן מהרח"ו והרמ"ע ומהרנא"ח' - עמ' לו ע"א) בדין אמירת קרי"ש כהוגן: 'ודע כי כל מי שלא ישהא מעט בין מלת בכל למלת לבבך, נמנע הוא שימלט מא' מב' טעיות, או שיבליע הלמד הא' בחברתה ויאמר בכל0ל0בבך, "ולא יזכיר משני הלמדי"ן רק א' דגושה", או שיזכיר שתיהן הראשונה נעה בשוא, והשנית בצר"י כזה בכלל 22 בבך ובזה המין מן הטעות נכשלים רבים'.

ובסידור מה"ר שבתי סופר (מפרעמישלא - קול הקורא עמ' 180) מבאר האיך מבטאים 'דגוש': 'והברתו כאילו היתה האות כפולה, והאות הראשונה בשו"א נח, והשניה בנקודת האות, לדוגמא 'השמים' מבטאים הששמים, השי"ן הראשונה בשו"א נח, והשניה בקמץ, אלא שאין מפרידים בין השיני"ם ומבליעים אותן יחד, וכן הדרך להתרגל בקריאתו, יחשוב שיקרא שתי שיני"ן כנזכר, אלא שלא יפריד בין הדבקים, וכן בקריאת שמע, אם לא יפריד בין הדבקים, יצא שבמקום בכל לבבך יקרא בכלבבך, הלמד בדגש חזק, ומזה תבין שהדגש חזק הוא תמיד סיום ההברה שלפניו, ותחילת ההברה שלאחריו'.

אבל אין זה כ"כ משנה, כי לא הי' נהוג אצל חסידים לעסוק בדקדוק, ולכן לא מצינו שנהי' נזהרין בזה, ואינו מעכב. ובנוגע להדגיש הנ"ל החיריק, כנראה שטוב שעכ"פ בברכת התפילין יהגו הברכה בהנקודות כהוגן. וראה בימי הבחרות שכתב 'ידגיש לומר תפילין בחיריק תחת הפ"א והלמ"ד' (הגם שלא מצאתי כעת מקור לדבריו שיש להדגיש החיריק של הפ"א ג"כ).

9 אשל אברהם (בוטשאטש סי' כה ס"ה) 'כל המניח דר"ת כונתו בהברכות על שני זוגי התפילין'; שו"ת דברי חיים (יו"ד סי' פב) 'קבלה ביד כל החסידים מלובלין מרבינו בעל מחבר דברי אמת שא"צ לברך עוד הפעם, אולם אני אמרתי לחלק שמי שדרכו להניח שתי זוגות א"צ לברך שנית שהרי דעתו הי' להניח שתיהן, אבל מי שאינו מניח בשום פעם שתי זוגות הוי נמלך, וצריך לברך, וזה פשוט' לכן יש מהדרים שתיכף אחר חליצת תפילין דרש"י מניחים תפילין דר"ת ולא לעשות הפסק גדול ביניהם, אבל בישראל והזמנים (דף צה בהערה) כתב בשם הרה"ק מסאטמאר זי"ע שמעולם לא הקפידו על כך להסמיך הנחת תפילין דר"ת לתפילין של רש"י לראות שהברכות יעלו גם עליו, ושכן מצא בשו"ת יד יצחק (ח"א סי' רכט) שמה"ט הניחן האריז"ל במנחה, אלא שמ"מ כתב שם דכשאפשר לו להניחן מיד כשחולץ של רש"י, אז יכוין בברכתו על של רש"י להוציא גם של ר"ת. ועי' שו"ת חיי הלוי (ח"י) שמיעץ לכל מי ששכח להניח תפילין דר"ת, דלתשובה ינהוג, להניח תיכף אחר התפילה.

10 מ"ב (סי' כה סקט"ו). וראה שועה"ר בסידור (סדר הל' תפילין) 'יהדק הרצועה בתוך הקשר כדי לקיים מצות 'וקשרתם לאות על ידך', שהוא מצות ההידוק על היד עצמו בקשר זה, שהרי הידוק זה על היד נעשה עם הקשר, ויזהר שלא יזוז הקשר של יו"ד מן התפילה של יד'.

11 בעל שם טוב (ואתחנן אות פד), הליכות הלוי (עמ' קיח). וכן נהוג אצל חסידים.

12 בבית נאמן בישראל (הנחת תפילין עמ' עא) מעיר ע"ז 'במקום הלולאה שבו עושין ההידוק, מצוי מאד שהרצועה מתקפל וצד הלבן נראה לחוץ, ולכאורה לכתחילה יש ליזהר גם בזה אמנם הרבה לא נזהרים בזה ולא ראיתי מי שיעורר ע"ז ואולי כל שנקפל רק במקום ההידוק ממש מחמת ההידוק, אין בו משום בזיון להרצועות'.

13 כן כותב רביה"ק מטאהש זי"ע בשיח"ק (ח"ב עמ' רפב) 'ושיעור רוחב הרצועות כשעורה, ויש לדקדק שרוחב הרצועה ישאר בשיעור שעורה אף במקום הקשירה, ולא לעשות הקשירה באופן שהרצועה תתכווץ, אבל מן הדין אף אם נתכווצה קצת ע"י הקשירה עדיין נחשב כשיעור שלם'.

14 עי' שו"ע (סי' כז סי"א), ובמ"ב (סקמ"ב) 'וכתבו האחרו' דצריך לזהר מאוד סמקום כפל ההידוק שרגיל שהרצועה נתקמטה שם או שנפסקת עד שלא נשאר בה כשיעור', אבל בשו"ת קנה בושם (ח"ג סי' א) ביאר ש'נתקמטה' הכוונה, שנתקווצה עד פחות מכשיעור, אבל נתכפלה ונתקמטה ולא נפחתה משיעורה, ואם יפשוט הרצועה ויישרנה יהי' בה השיעור, אין בכך חשש כלל.

15 הרמ"א מביא דעת המהרי"ל שלא יכרוך הרצועה על התיתורא רק יהי' תלוי כמו השל ראש, ובכף החיים (סי' כז סקל"ו) כתב 'לית דחש חהא דהמהרי"ל ז"ל ואם הלכה רופפת בידך פוק חזי מאי עמא דבר, שכל העולם נוהגים לקשור המעברתא עם הרצועה'. וכן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע לקשור על המעברתא, כדי להדק היוד להתפילין. ומנהג סקוויראוטשערנאביל לכרוך קודם כריכה אחת על המעברתא, ומעבירה בין ב' הרצועות שתחובין בכפל הקשר, ונעשה עי"ז צורת שי"ן, ואח"כ כורך עוד ג' כריכות כצורת שי"ן על הקיבורת, ושכן קיבל המאור עינים מפי אליהו הנביא, לעשות שני שינין למעלה, וזכני לגדל (עמ' תשט"ו).

16 דאס הייסט די אונטערשטע זייט פון די תפילין, וואס איז קעגן די מעברתא. שועה"ר בסידור: 'ורשאי לכרוך הרצועה סביב התיתורא, כדי לחזקה על היד, אבל לא סביב הקציצה', באר היטב (סי' כז סקט"ו) 'ישים רצועה של יד על התיתורא של יד, מיד אחר הקשירה כדי שלא תזוז ממקומה, דאם זזה מקומה, אז ה' בא לידי ספק ברכה', ובשלחן מלכים (סי' י סקפ"ה) כתב שכן עשה לו הרה"צ ישכר דוב מזידיטשוב זי"ע ואמר שכן הניח לו זקנו הרה"ק ר' יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע.



# זקנים משער שבתו

**קורצע שטריכן איבער הרבני החסיד הישיש מזקני החסידים ויושבים ראשונה במלכות**
**מוה"ר הערש ל_ייב וויינבערגער ז"ל_**

דעם פארגאנגענעם ערב שבת קודש פרשת וירא, האבן תושבי קריתינו הק' זיך געזעגענט פון די זקן העדה, וואס האט פיל געווידמעט פאר'ן התייסדות און קיום פונעם שטעט'ל בפרט, און פאר קדשי בית תפארתינו בכלל, האי גברא יקירא משרידי דור הישן, הולך תמים ופועל צדק מוה"ר צבי ארי' וויינבערגער ז"ל, וואס איז נפטר געווארן אין טיפן עלטער פון הונדערט און צוויי יאר.

אין א צייט וואס די שארית הפליטה אידן זענען פוחת והולך, אדער - בעסער געזאגט - כמעט שוין נישט דא צום געפינען, איז ר' הערש לייב געווען פון די לעצטע פארבליבענע אידן, וואס האט אפגעשפיגלט מיט זיין תמימות, ערליכקייט און אמונת צדיקים, א איד פון דעם אלטן היים. און מיט זיין פטירה, איז אפגעריסן געווארן די לעצט פארבליבענע סטרונעס פונעם בריק'ל וואס האט זיך געצויגן פונעם אמאל'יגן לעבן ביז'ן היינטיגער וועלט, און א גאנצער תקופה ווערט געשלאסן.

אבל יחיד עשו לך אנשי שלומינו: דער נפטר איז געווען פון די ערשטע אידן וואס האבן זיך מקשר געווען צו רבינו הקדוש זי"ע און מקבל מרות געווען פון אים, הארט נאכ'ן מלחמה. ומאז ועד יומו האחרון, איז ער געבליבן מקושר בכל נימי נפשו. ווי אויך איז ער געווען דער וואס האט נושא בעול געווען פון כל קדשי בית טאהש, פון די צייט'ן ווען עס איז געווען באגרעניצט אין קליינעם בית המדרש'ל אין מאנטריאל, עד שבאו לידי ישוב, צום בליענ'דיגער שטעט'ל קרית טאהש - ועד בכלל. בכלל האט ער אסאך געטוען אין מעמיד זיין דאס יהדות אין מאנטריאל. אזוי אז יהדות מאנטריאל בכלל און קריתינו הק' בפרט, האט אים אסאך צו פארדאנקן.

הרה"ח מוה"ר הערש לייב איז געבוירן געווארן אין מונקאטש - י"א חשון תרפ"ד, צו זיין טאטן הרה"ח מוה"ר ישראל הי"ד מחשובי חסידי מונקאטש ומגדולי מקורבי הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע, און צו זיין מאמע מרת בת שבע הי"ד א טאכטער פון הרה"ח מוה"ר יצחק אלבוים ז"ל וואס האט געצויגן זיין יחוס צו הגה"ק ר' יעקב קאפיל ליקובער זצ"ל און צו דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע.

רבי ישראל ז"ל איז געווען אן איש מורם מעם, וואס האט רוב טאג עוסק געווען בתורה. ער איז געווען א זון פון הרה"ח מוה"ר אליעזר ז"ל, דער זוהן פון הרה"ח מוה"ר שלמה בצלאל שטרויכן, וויינבערגער ז"ל פון ריישא, וואס איז געווען בעל תפלה ימים הנוראים ביי הרה"ק ר' דוד'ל מדינוב זי"ע. ר' אליעזר איז געווען אן איידעם ביי הג"ר שלמה ליב מאנדעל זצ"ל חבר הבד"ץ אין קליינווארדיין, (וואס האט זיך מסתופף געווען ביי הרה"ק ר' אשר מראפשיטץ זי"ע און פון הגה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע).

*

נאך אלץ קליין קינד האט ער שוין זיך געקלאמערט ארום דעם הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, און ער פלעגט קיין אויג נישט אראפ נעמען פון אים. ווי ווייט ער איז געווען דבוק אינעם רב, קען מען לערנען פונעם פאלגענדער מעשה, ביים מנחת אלעזר איז געווען א גרויסער זכיה אריין צו ריקן דעם בענקל פונעם רב. אזוי אז אלע קינדער האבן זיך געקריגט אויף דעם מורא'דיגער זכיה. האבן די גבאים איינגעפירט, אז יעדן שבת וועט א צווייטער יונגעל באקומען דעם זכיה. ווען עס איז געקומען דעם רייע פון ר' הערש לייב, האט ער דאס געטוען מיט חשק.

דעם קומענדיגער וואך האט ער גענומען די קוכלעך וואס זיין מאמע האט אים געגעבן, און עס אוועק געגעבן צום יונגעל וועלכע עס האט אויסגעפאלן זיין גורל, אז ער זאל מוותר זיין אויף זיין זכי' פאר די פאר קיכלעך. וכן הוה, אז ר' הערש לייב האט זוכה געווען אינעם זכות אויף די צווייטע וואך. ווען ער האט טאקע אריין גערוקט דעם כסא קדשו פונעם רב, האט אים דער רב געפרעגט: דו האסט דאך פארגאנגענעם וואך שוין געהאט דעם זכות. האט ער פארציילט פאר'ן רב, אז דאס האט ער אויסגעקויפט, מיט זיינע קיכלעך. ווען דער רב האט דאס דערהערט, האט ער שטארק הנאה געהאט, אז אזא קליינער יונגל זאל האבן אזא מושג.

ווען ער איז געווארן בר מצוה, האט ער נאך געהאט די זכי' עולה צו זיין לתורה שבת נאך דער בר מצוה, ווי דער הייליגער מנחת אלעזר האט געליינט אין די תורה. נאכ'ן בר מצוה איז ער אריין געגאנגען אינעם ישיבה פונעם מנחת אלעזר. אבער נאך עטליכע יאר, איז די גאלדענע ישיבה יארן געקומען צו אן ענדע. דאס איז געווען ווען די אונגארישער מיליטער האבן פארכאפט זיין טאטע, דעמאלטס האט דער קליין בחור'ל הערש לייב, ארויף געשארט זיינע ארבעל, און געגאנגען האנדלען כדי צו ברענגען פרנסה פאר'ן מאמע און די משפחה.

שפעטער האט אויסגעבראכן דעם ביטערער צווייטער וועלט מלחמה. ר' הערש לייב'ס גורל איז געווען צו גיין צום ארבייטס לאגער. דארט האט מען אים - מיט נאך צוויי בחרים - געגעבן דעם ארבייט צו מקבר זיין די מתים וואס די רשעים האבן אויסגע'הרג'ט. ויהי היום, דער קאמאנדיר קומט אן, און באשליסט אז די יונגע בחורימ'לעך מאכן נישט קיין גוטן ארבייט. אזוי... אחת דתו להמית. דער טראכט נישט קיין צוויי, און נעמט ארויס דעם רעוואלווער, און הייבט אן שיסן ר"ל. זיינע צוויי חברים האט ער דערשאסן אויף טויט הי"ד. אבער ווען עס איז געקומען דעם רייע פון הערש לייב'ן, האט זיך דער רעוואלווער פארהאנקעט! דאס איז געווען א שווערע נידער-לאגע פאר'ן קאמאנדיר. אבער צו גיין נעמען א צווייטער רעוואלווער האט אים נישט געפאסט... האט ער זיך בארואיגט מיט די שאנד ווערטער: 'דו שמוציגע איד גיי צוריק ארבייטן.'... און אזוי איז ר' הערש לייב גערעטעוועט געווארן ממות לחיים.

ר' הערש לייב פלעגט יעדן יאר ביים סדר נאכט - ווען ער האט געזאגט והוא שעמדה - דאנקען און לויבן דעם באשעפער פאר'ן אפענעם נס וואס ער האט דורך געלעבט. און ער פלעגט צולייגן: אז דאס איז נישט אין זיין זכות, דאס האט מען אים געגעבן ער זאל אויפשטעלן דורות.

נאכ'ן מלחמה איז ער צוריק געגאנגען קיין מונקאטש. ווען ער איז אריין געקומען צו דעם שטוב וואו ער האט געוואוינט, האט ער געטראפן שלחן נאה ומטה מוצעת... פונקט ווי מען האט עס געלאזט ווען מ'איז אנטלאפן אינמיטן דעם סדר! דאס איז געווען פאר אים אן אות לטובה.

דארטן האט ער אנגעהויבן מאכ'ן געשעפטן כדי זיך אביסל מפרנס צו זיין. בחסדי ה' האט ער פיין מצליח געווען. אבער אים האט דער עיקר געפעלט, דאס איז געווען דער רחניות'דיגער חלק. ער האט געזוכט זיך מדבק זיין צו צדיק. אבער אלעס אן ערפאלג.

ויהי היום, ווען האט ער ארום געריזט צוליב זיינע געשעפטן. האט ער זיך אפגעשטעלט אין שטאט נירעדהאז, כדי צו כאפן אן אנדערן באן. למעשה, האט ער געזען אז ער האט שוין פארפאסט דעם באן. וואס טוט א איד ווען ער שפעטיגט דעם באן? זעצט זיך אריין אין בית המדרש. ווען ער קומט אריין אין בית המדרש, האט ער דערזען כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע דאוונט. דאס איז געווען פאר אים כמים קרים על נפש עייפה. ער האט שוין מער נישט געדארפט. ער איז געבליבן ביז'ן ענדע דאווענען. ווען זיינע חברים האבן אים געזאגט אז דער באן קומט שוין. האט ער געענטפערט: 'איך האב שוין געטראפן וואס איך האב געזוכט.'

נאכ'ן דאווענען איז ער צוגעקומען צום רבי'ן, און אים דערלאנגט א שיינעם פדיון. אבער דער רבי האט אים געפרעגט, צו ער איז שוין חתונה געהאט? האט ער געענטפערט אז נישט. האט דער רבי געזאגט: איך נעם נישט קיין געלט פון קיין בחור. ר' הערש לייב, האט שטארק מפציר געווען ער זאל יא נעמען. ווייל ביי אים איז געווען א גרויסער זאך צו שטיצן א צדיק א בנש"ק. האט אים דער רבי גע'ענטפערט, אז אויב ער וועט קומען צו אים אהיים עסן פרישטאג, איז ער מסכים דערצו. וכן הוה. זינט דעמאלט איז דער נפטר געווארן א פייער'דיגער חסיד פונעם רבי'ן.

אין יענער תקופה האט ער געטראפן זיין באשערטן שידוך, תבלחט"א דער חשוב'ן אלמנה מרת רבקה תחי' בת הרה"ח מוה"ר יעקב אליעזר הכהן פריעד הי"ד פון טיסא סאלקא. נאכ'ן חתונה האבן זיי ממשיך געווען צו זיצן אין טיסא סאלקא. אבער ווען עס זענען געקומען קלאנגען אז די קאמאניסטן שפרייטן דארטן אויס זייערע פליגלען, האט ער אנגעפרעגט ביי הגה"ק ר' יחזקאל מערץ זצ"ל, וואס ער זאל טוען. האט ער אים גע'ענטפערט ער זאל הייבן פוס און אנטלויפן. איבריג צו זאגן אז ר' הערש לייב האט אנגענומען וואס רבי יחזקאל האט אים באפוילן, און ער איז באלד אנטלאפן, איבערלאזנ'דיג נאך זיך זיין גאנצער פארמעגן.

ווען מען דארף גיין וואו גייט מען? איז ביי ר' הערש לייב געווען פשוט אז מען גייט וואו דער רבי וואוינט. און היות ער האט מקבל מרות געווען פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, האט ער זיך געצויגן קיין מאנטריאל, וואו דער הייליגער רבי האט דעמאלטס געוואוינט.

ווען ר' הערש לייב איז אנגעקומען קיין מאנטריאל, איז מאנטריאל געווען גאר ווייט פון וואס עס איז היינט. די מצב היהדות איז געווען גאר שוואך. ר' הערש לייב האט אסאך צוגעגעבן אין הייבן דעם מצב היהדות אין שטאט. באזונדער איז באקאנט, אז דעמאלט איז קיין חלב ישראל נישט געווען צו באקומען. רוב עולם האט איידער זיך מקיל געווען צו טרינקען חלב עכו"ם. עטליכע עסקנים - ובראשם הרבני החסיד מוה"ר אברהם שמעון רייך ז"ל - האבן זיך אריין געלייגט צו גרונדען א חלב ישראל פארם. אבער אויב וועט עס נישט זיין אוועק געשטעלט ווי א געהעריגע ביזנעס, וועט עס דאך נישט לאנג אנהאלטן. נתנו עיניהם אויף ר' הערש לייב, ער האט דאך א ווארעם הארץ פאר א דבר שבקדושה, און לאידך גיסא פארשטייט ער דאך צו ביזנעס.

ר' הערש לייב האט עס אנגענומען, און געגרונדעט דעם קאמפעניע 'מהדרין מילך'. אבער אנשטאט עס זאל זיין א פרנסה, איז עס געווען א עול על צוואריו. ער פלעגט ארבייטן עבודת הפרך פון די פריער פארטאגס שעות ביז קרוב צו חצות היום, געריזט א לענגערע שטרעקע ביז'ן פארם אריין. אלץ כדי צו אהער שטעלן חלב ישראל. דערצו האט ער - אין די ערשטע צייטן - ארום געגאנגען פון טיר צו טיר זיך בעטן ביי אידן זאלן קויפן חלב ישראל. און מיט דעם אלעמען איז עס קיין פרנסה נישט געווען פאר אים. פאר פרנסה האט ער געדארפט אננעמען א צווייטן ארבייט. דהיינו, נאכמיטאג פלעגט ער האנדלען מיט אייזן. (וואס איז אויך נישט קיין גרינגער ארבייט.)

היינט צו טאג'ס ווייסן אלע צו זאגן פון 'מהדרין מילך.' דאס איז דאך די הויפט חלב ישראל קאמפאני אין מאנטריאל (עס ווערט געפירט דורך זיין איידעם להבחל"ח הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו מחשובי תושבי קריתינו הק'.) אבער - וויניג ווייסן צו זאגן - אז דאס איז געגרונדעט געווארן מיט מסירת נפש ממש. מיט שווערע פיזיש'ער כוחות למעלה מכוחות אנוש. און יארן לאנג האט עס נישט געברענגט קיין פרנסה אפילו בדוחק.

אין יענע צייטן האט ר' הערש לייב געפירט די שוחטים - מידי יום ביומו - אין שלאכט הויז אריין. אזוי אז סיי כשר מילך און סיי כשר פלייש איז אים צו פארדאנקן.

נאך איינער פון די פילע פעולות וואס ר' הערש לייב האט געווידמעט אין מאנטריאל, איז געווען דאס גרונדען דעם בית אסתר. ומעשה שהיה כך היה: אין די ערשטע צייטן האט די גאנצע היימישער עולם געשיקט די קינדער צו דעם בית יעקב שולע. דאס איז נישט געווען צו הארצן פון ר' הערש לייב'ן, ווייל טראץ וואס עס איז געווען פרום און ערליך, איז דאס נישט געווען לפי רוח פון א חסיד'ישער איד. האט ער אינאיינעם מיט הרה"ח מוה"ר לייבוש קליינבערגער ז"ל, געגרונדעט דעם בית חינוך לבנות בית אסתר ד'סאטמאר.

אויך האט ער געהאלטן קשר מיט כ"ק אדמו"ר מ'מונקאטש שליט"א. און ער האט געגרונדעט דעם מונקאטשער בית המדרש אין מאנטריאל. און בכלל איז ער געווען גאר שאטרק פארמישט מיט'ן גרינדונג פון מוסדות מונקאטש די בכל אתר ואתר.

*

אבער דער עיקר איז ער געווען פארנומען מיט'ן אויפבויען אונזער הייליגע קהלה וקרי', בית טאהש. בו בזמן ווען די גאנצע קהלה איז נאך באשטאנען פון א מצומצמ'דיגער ציבור, איז שוין ר' הערש לייב געשטאנען ווי א לייב צום רעכטן האנט פון רביה"ק זי"ע וכל אשר לו. אנהייבענ'דיג מיט'ן זיין גבאי אין בית המדרש אין מאנטריאל. זיין גבאות האט נישט נאר אריין גענומען דאס ענין פון אויפרופן עליות, און צושיקן א בעל תפילה א.ד.ג. דאס האט אריין גענומען יעדעס זאך וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט אין בית המדרש. צי מסדר זיין די טישן, צי וואשן די האנטוכער פאר'ן מקוה, צי שאפן געלט

זאל דעקן די הוצאות בית המדרש, אלעס איז געלעגן אויף ר' הערש לייב'ן. אפילו דאס רייניגען איז געווען זיין געשעפט. ער פלעגט אריבער ברענגן זיינע טעכטער אין בית המדרש אריין, און זיי האבן אלע אינאיינעם אויסגעקערט און גערייניגט דעם מקום קדוש.

אזוי אויך פלעגט ער נושא בעול זיין אינעם רבי'נס פריוואטע קאסע. ער פלעגט מידי שבוע בשבוע ארום גיין זאמלען מעמדות פאר'ן רבי'ן. ער האט געהאלטן גאנצע ביכער, און זיכער געמאכט אז עס קומט אריין דאס סכום וואס עס פעלט אויס. דאס איז באזונדער וואס ער פלעגט אריבער ברענגען יעדן פרייטאג א שיינעם סכום פאר'ן רביצין, עס זאל זיין גענוג אויף שבת צו מאכן.

ווער רעדט נאך ווען מ'האט אנגעהויבן בויען קריתינו הק' מיט די מוסדות, איז ער געשטאנען צום האנט פונעם רבי'ן, און ארויס געהאלפן מיט וואס עס איז נאר שייך.

זיין התקשרות צום הייליגן רבי'ן איז געווען אויף א געוואלדיגן אופן. אין זיינע יונגע יארן ווען ער פלעגט ארבייטן עבודת הפרך (ווי פריער דערמאנט) פלעגט ער קיין איין תפילה נישט פארפאסן ביים רבי'ן. זיינע חברים פלעגן אים זאגן, אז לויט זיין ארבייט, וואלט ער געדארפט גיין אין א בית המדרש וואו מען דאווענט אביסל שנעלער. וואס גייט ער צו די לאנגע תפילות פונעם טאהשער רבי? 'א זאך וואס מ'האט ליב איז קיינמאל נישט שווער'... - פלעגט ער זיי אפ-ענפערן.

די אמונת צדיקים וואס ער האט געהאט איז געווען אויף אן אויסער געווענליכן אופן. אפילו ער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי זאגט אים, פלעגט ער דאס אננעמען בתמימות אן קיין קלער. עס האט פאסירט אין די פריער'דיגע יארן, ווען די פרנסה איז נישט געווען אויפ'ן בעסטן פארנעם, האט אים א קרוב מציע געווען, זיך אריבער צו ציען קיין טאראנטא, און דארט וועט ער אים צושטעלן פרנסה בריווח. אבער ר' הערש לייב טוט נישט קיין זאך אן פרעגן דעם רבי'ן, איז ער געגאנגען שואל זיין בדעת קדשו. האט אים דער רבי געענטפערט: 'וואו וועלן דיינע קינדער לערנען אין טאראנטא'. ר' הערש לייב האט מער נישט געדארפט, ער האט מדחה געווען דעם ענין מכל וכל. טראץ וואס עס איז געווען פאר אים ווי א גאלד גרוב.

זיין גרויסן התקשרות איז געווען אזוי שטארק, אז איינמאל ווען ער איז געפאלן, און ליידער געווארן באוואוסטלאז, איז אים דער הייליגער סבא קדישא הרה"ק רבי אלימלך זי"ע געקומען אין חלום, און געזאגט "זאלסט העלפן מיין אייניקל, און א סימן אז עס איז אמת, ער שטייט נעבן דיר." באלד דערנאך איז ער צוריק געקומען צו באוואוסטזיין, און ער האט געזען ווי דער הייליגע רבי שטייט נעבן אים.

וכמים הפנים אל פנים, האט אים דער הייליגער רבי זי"ע שטארק מחבב און מחשיב געווען. ווי באקאנט פלעגט דער רבי נישט עסן ביי קיינעם אינדערהיים. אבער ביי ר' הערש לייב איז געווען אן אנדערן הנהגה, ביי אים פלעגט ער יא אמאל עסן. דער רבי האט אים געהאלטן אלץ אן איש נבון וחכם, ער פלעגט אסאך מאל שיקן אנדערע אידן זאלן זיך אדורך רעדן מיט אים, און פרעגן עצות אין ביזנעס. אזוי אויך פלעגט אים דער רבי זעלבסט אמאל פרעגן אויף זיין שיקול הדעת.

ר' הערש לייב פלעגט שיקן תמיכה צו די קינדער פונעם רבי'ן. איינער פון די קינדער האבן נישט געהאט קיין חשק צו נעמען פון אנדערע. ווען דער רבי האט עס דערהערט, האט ער אים געזאגט, אז אפילו פון אנדערע איז ראוי נישט צו נעמען, אבער ביי ר' הערש לייב איז אנדערש, ער געבט מיט הארץ.

בכלל פלעגט ער שטיצן רבנים און בנש"ק. ער פלעגט יעדן ערב יום טוב ארום גיין צו אלע בנש"ק אין מאנטריאל און ברענגען א נדבה חשובה. אזוי אויך פאר ער האט חתונה געמאכט, איז ער אריבער צו אלע רבנים אין שטאט, און געברענגט א שיינעם סומע געלט. אפילו ווען ער האט שוין געוואוינט אין קרית טאהש, פלעגט ער נאך אלץ יעדן ערב יום טוב רייזן קיין מאנטריאל ברענגן די תמיכה פאר די בנש"ק.

גאר אסאך צדקה האט ער געשאפט און געטיילט. בעיקר האט ער געשטרעבט צו טוען צדקה בדרך כבוד. אמאל איז א איד נפטר געווארן אין א יונגען עלטער. די אלמנה האט ממשיך געווען צו פארקויפן זילבער ביי איר אין שטוב. איין טאג קומט ר' הערש לייב אריין, און קויפט אלע זילבערווארג. טראץ וואס ער האט דאס נישט געדארפט, אבער קודם זאל זי האבן פרנסה בדרך כבוד.

אזוי אויך פלעגט ער ארום גיין מיט הגה"ח מוה"ר עזריאל לעווי ז"ל, זאמלען געלט פאר פארשידענע צדקות. היות פאר ר' עזריאל'ן איז אנגעקומען שווער דאס גיין טרעפ, האט ער אפגעמאכט מיט אים אז אויפ'ן צווייטן שטאק וועט ער אליין ארויף גיין, און ער וועט אים ברענגן די נדבה.

רביה"ק זי"ע פלעגט אויך אפט שיקן צובראכענע נשמות זאלן עסן און שלאפן ביי ר' הערש לייב'ן. ער פלעגטברייט עפענען זיין טיר, און זיי געגעבן אש"ל מלא מיט גרויס כבוד.

ר' הערש לייב איז געווען א דוגמא פון א פארצייט'ישע איד. זיינע התנהגות איז געווען גאר אייגן-ארטיג. למשל, ערב שבת פלעגט ער נישט אריין גיין צו די ארבייט. ער פלעגט ניצן דעם טאג זיך צו גרייטן אויף שבת. מעביר סדרה זיין במתינות, צוגרייטן די ליכט א.ד.ג.

זיינע סעודות שבת זענען געווען מיט א געוואלדיגער ברען, ער פלעגט זינגען די זמירות שבת מיט די מונקאטש'ער נוסח, מיטן פייער וואס ער האט צוגעזען ביים מנחת אלעזר. אויך זיינע תפילות זענען געווען מיט א פלאם פייער. חודש אלול פלעגט ער יעדן טאג אויפשטיין אויסזאגן גאנץ תהלים. אזוי אויך שבת צופרי פלעגט ער דורך לערנען ספה"ק נועם אלימלך אויפ'ן סדרה.

ווען ער איז געגאנגען אויף קברי צדיקים, פלעגט ער נישט אריין גיין צום ציון בעפאר ער האט געמאכט א הכנה. דערציילט א מעשה, נאכגעזאגט א תורה, וכדומה.

פסח ביינאכט ביי די סדרים פלעגט ער מאריך זיין מיט'ן זאגן נשמת. ער פלעגט געבן שבחים והודאה צום באשעפער, פאר די לעכטיגע דורות וואס ער האט אויפגעשטעלט. ער פלעגט צולייגן, אז דאס איז נישט בזכותו, דאס איז פשוט א מתנה וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, אינעם זכות פון זיין נאענט צום הייליגן רבי'ן זי"ע.

אויך ביי עניני בין אדם לחבירו האט זיין התנהגות זיך ארויס געוויזן. ער פלעגט מקפיד זיין צו באצאלן צייטליך דעם שכר לימוד. עס האט נישט עקזעסטירט אז מ'זאל אים דארפן רופן פאר שכר לימוד, ווייל ער האט שוין באצאלט פריער. ווען

דער פיש סוחר פלעגט אים אפברענגען דעם פיש ארדער, און האט נישט געווארט פאר'ן געלט, האט ער אים געזאגט, אז אויב וועט ער ממשיך זיין דאס צו טוען, וועט ער מוזן אויפהערן קויפן ביי אים. ווייל ער קען נישט עסן פיש וואס ער האט נישט באצאלט. ווען ער האט גע'שנאדערט אין א פרעמדן בית המדרש, פלעגט ער גלייך מוצאי שבת קומען אפברענגען דאס געלט, ווייל אפשר וועט ער פארגעסן עס אפצוברענגען.

אויך זיין אנגיין בין אדם לחבירו, איז געווען גאר העפליך. ער איז געווען גאר א ווארימע מענטש, יעדן באגריסט מיט א גוט ווארט און א מאמר חז"ל. אז עס האט אויסגעפעלט, איז צוגעקומען א וויץ.

גאר שטארק איז ער געווען א מסתפק במיעוט. טראץ וואס אין זיינע עלטערע יארן האט אים קיין געלט נישט געפעלט, האט ער קיינמאל נישט געקויפט קיין הויז. ער פלעגט זאגן טאמער איז אים באשערט עפעס צו פעלן, זאל עס זיין א אייגן געקויפטע הויז.

אין יאר תשנ"ה האט ער זיך ארויס געצויגן פון מאנטריאל קיין קריתינו הק', צו זיין במחיצת קדשו פון רביה"ק זי"ע.

*

ר' הערש לייב האט שטענדיג געהאט א שטארקע התבטלות און געווען דבוק ומקושר צו יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א. און ער פלעגט אסאך צו דערציילן דאס געוואלדיגע חביבות וואס רביה"ק האט ארויסגעוויזן פאר בנו חביבו ויקירו נאך אין די גאר יונגע יארן.

נאך די פטירה פון רביה"ק זי"ע האט ער געשעפט נחת, און פלעגט אסאך אויסדרוקן זיין הנאה, אז רצון יראיו יעשה, און רבינו שליט"א פירט אן די שבט ההנהגה מיט א קענטיגע סייעתא דשמיא לשם ולתפארת, וזכות אבותיו מסייעתו עד ביאת הגואל.

וכמים פנים אל פנים האט רבינו שליט"א געהאט א באזונדערע הערצה צו ר' הערש לייב, און אים פערזענליך געגאנגען באזוכן מדי שבוע בשבוע, וואו ס'פלעגן פארקומען גאר אסאך היסטארישע שמועסן פון דערהיים, ובמיוחד זכרונות ימי קדם פון רביה"ק זי"ע.

*

דער באשעפער האט געשאנקען פאר ר' הערש לייב'ן א ריכטיגער שיבה טובה במלוא מובן המילה. ביז'ן טיפן עלטער פון הונדערט און צוויי יאר איז ער געווען בדעה צלולה, און זיין געזונט זושטאנד איז געווען אין א גוטע פארנעם, ספעציעל פאר א איד אין די יארן. און פארגאנגענער ז"ך אב, איז ער נאך ארויף געגאנגען צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע. און מיט עטליכע וואכן צוריק הושענא רבה, האט ער נאך עולה געווען אין ביהמ"ד הגדול ווי יאר יערליך.

עס דארף ארויס געברענגט ווערן לשבח זיינע יוצאי חלציו, בפרט זיינע טעכטער וואס האבן אים באדינט מיט א מורא'דיגער געטריישאפט, און אים געשטאנען צום האנט בכל עת ועונה.

פאראנגענעם זונטאג וירא י"א חשון - דעם טאג וואס ער האט זיך גע'יערט צו הונדערט און צוויי! - איז ער פלוצלינג שוואך געווארן, און זיינע חושים האבן אויפגעהערט צו ארבייטן. אבער ער איז נאך אלץ געווען ביים פולן באוואוסטזיין. און מען האט געמאכט מניני שחרית פון זיינע קינדער און אייניקלעך ביי אים אינדערהיים. ערב שבת קודש פרשת וירא צופרי, נאך שחרית און תפילין דר"ת, האט דער נפטר האט אויסגעהויכט זיין נשמה, במעמד צוויי מנינים פון זיינע יוצאי חלציו, וועלכע האבן געליינט קריאת שמע און געזאגט די פסוקי יחוד. די מיתה איז ממש געווען א מיתת נשיקה אן קיין שום יסורים, ביי אים אין שטוב.

די לוי' איז פארגעקומען ערב שבת קודש נאכמיטאג, פארענט פון זיין הויז. פילע אידן ספעציעל מוותיקי התושבים האבן זיך צונויף געקומען אפצוגעבן דעם כבוד האחרון פאר דעם זקן העדה ופני העיר. עס האבן מספיד געווען זיינע איידעמער, דערנאך זיין אייניקל הרה"ח מוה"ר יעקב אליעזר מערמלשטיין הי"ו, הרה"ח מוה"ר יהונתן שווארץ הי"ו (וואס האט אים באדינט פארגאנגענע צען יאר מיט א באזונדערן געטריישאפט) בתוך דבריו, האט ער דערמאנט אז עס איז אים געווען א זכיה צו באדינען דעם נפטר, ווייל דאס האט געמאכט א גרויסער איינדוק אויף אים, הרה"ח מוה"ר משה יונה ראזענפעלד הי"ו מנהל בית לפליטות (יליד מונקאטש), זיין אייניקל הרה"ח מוה"ר עזרא נייהויזער הי"ו. דערנאך האט מען אים באגלייט צום בית החיים, וואו ער איז געקומען לקבורה (בלויז פיר שעה נאך זיין פטירה) סמוך ונראה לציון המצויינת פון רביה"ק זי"ע. בראש פון די מלוים האט זיך אנגעזען כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס האט מיטגעהאלטן ביז נאכ'ן קבורה.

מן השמים האט מען באוויזן עטליכע סימנים טובים ביי זיין פטירה, ערשטענס, דאס וואס די גמ' (כתובות ק"ג ע"ב) זאגט 'מת בערב שבת סימן יפה לו.' דערנאך דאס וואס די ראשונים זאגן (שיטה מקובצת שם) נקבר בערב שבת ניצול מחיבוט הקבר. ווי אויך דעם ענין פון הקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים (מתוך דברי חותנו הרה"ח ר' אהרן קרויס שליט"א בהספידו.)

דער נפטר האט איבער געלאזט זיין חשוב'ן אלמנה תבלחט"א, וואס האט אים באדינט אלע יארן מיט א מורא'דיגער געטריישאפט, און א חשוב'ער שטוב וואס זיי האבן אינאיינעם אויפגעצויגן, ה"ה: אשת הרה"ח ר' חיים פינחס צוויבל שליט"א, אשת הרה"ח ר' אהרן קרויס שליט"א, אשת הרה"ח ר' אברהם יוסף דרוממער שליט"א, אשת הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א, אשת הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים שליט"א, און א ציבור עצום פון יוצאי חלציו וואס ציילט זיך אין די הונדערטער בליעה"ר, דור רביעי ודור חמישי, כולם זרע ברך ה'.

**תנצב"ה.**

**יהא זכרו ברוך.**




בשיר וקול תודה נברך
מוה"ר
שניאור זלמן קארנהויזער
הי"ו
בהולדת בנו למזל טוב
מו"ה
שלמה קארנהויזער
הי"ו


מזל טוב וגדיא יאה
הרב הגאון רבי
יואל גאנדעל
שליט"א
ר"מ בישיבתינו הקדושות
לרגל שמחת נישואי בתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
המשמחים בשמחתכם
בחורי הישיבה
הנהלת הישיבה


ואברהם הי'ו
יהיה לגוי גדול
חצר הקודש טאהש
מוה"ר
אברהם ווילנער
הי"ו
בהולדת הבן
ידידיך השמחים בשמחתך


ואברהם הי' הולך וגדל
הרב
אברהם יצחק הכהן קאהן
שליט"א
מלמד דרדקי במוסדותינו הק'


כולל אברכים ד'טאהש
Kollel Avreichim of Tosh
של קדוש למאה וחמשים אברכי ורבני הכולל
צבי ארי'
ישראל


יוסף ה' עליכם ועל בניכם
יהוסף יואל קרויס
בנישואי בתכם
הנהלת קרן הבנין


חברת תהלים
דביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש
הכונו • הכונו • הכונו
מוצש"ק זו פר' חיי שרה
מלוה מלכה רבתי
וסיום ספר תהלים
לילדי חברת תהלים
משעה 7:45 עד 10:00
845-630-7447
זכות דוד המלך ע"ה יגן עלינו


סימן טוב ומזל טוב
אהרן אלעזר הלוי וועגריין שליט"א
בהולדת בנו


סימן טוב ומזל טוב
ישעי' לייב קליין שליט"א
בהולדת בתו

איבערצאנעמען אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950
שיקט א
פעקס
877.760.0544
לאזט א מעסידזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

## איבער הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער ע"ה

לכבוד המפעל איחוד טאהש, ומערכת החשוב באור החיים.

איך וויל זיך דא באציען אויף די הערליכע אינטערוויו אפגעהאלטן מיט ידידי המחנך הרב יעקב אליעזר מערמעלשטיין שליט"א, וואס איך האב געהערט די וואך אויפן 'קול איחוד' טעלעפאון ליין, שטייענדיג נאך די פטירה פון זקינן הרה"ח הישיש ר' צבי ארי' ב"ר ישראל וויינבערגער ע"ה.

אין די שמועס איז דערמאנט געווארן איבער די התקשרות פון ר' הערש לייב צום הייליגן מונקאטשער רב זי"ע, און אז ביי די בר מצוה האט ער געלייגט תפילין ביים הייליגן מנחת אלעזר זי"ע. למען הפונקטליכקייט וויל איך מעורר זיין אז לכאו' איז עס א שטיקל טעות און נישט אזוי מדויק. ווייל ווי ווייט איך געדענק וואס ר' הערש לייב האט מיר געהאט פארציילט איז דאס נישט געווען אזוי, און איך האב דאס אויך באשטעטיגט ביי איינעם פון די עלטערע אייניקלעך פון ר' הערש לייב, אז ער האט טאקע נישט געלייגט קיין תפילין ביים מנחת אלעזר.

ער האט טאקע נישט געלייגט קיין תפילין ביים רב, אבער אין די שבת נאך די בר מצוה האט ער עולה געווען און באקומען אן עליה, ווי ס'איז טאקע אויסגעשמועסט געווארן וואס דער הייליגער מנחת אלעזר האט אים דאן אויסגעלאזט ביים ליינען. איך געדענק אויך אז ר' הערש לייב האט מיר אויך געהאט צוגעלייגט, אז בכלל איז נאך אין יענע צייטן נישט געווען אזוי שטארק איינגעפירט אז מ'לייגט תפילין ביי א רבי וכדו', נאר לכבוד די בר מצוה איז מען געגאנגען נעמען א ברכה פון אן ערליכע איד.

רעדנדיג פון הרה"ח ר' הערש לייב, וויל איך צולייגן לזכותו, אז ר' הערש לייב איז געווען דער ערשטער וואס האט אריינגענומען מיין זיידע ידידו הרה"ח ר' שלמה יעקב זילבער ע"ה - יד ימינו פון הייליגן רבי'ן זי"ע בהתייסדות והנהלת המוסדות בקרית טאהש, - ווען ער איז אנגעקומען נאכן קריג קיין מאנטריאל. ר' הערש לייב איז שוין דאן געווען חתונה געהאט און געהאט א דירה, און ווען ר' שלמה יעקב איז אנגעקומען איז ער איינגעשטאנען ביי אים אינדערהיים די ערשטע פאר חדשים, און אויך געהאלפן זיך מסדר זיין ווי געהעריג אין מאנטריאל. און ער האט אים אויך געמאכט א שבע ברכות לכבוד זיין חתונה.

אויך איז אינטערעסאנט צו פארציילן איבער די שותפות פון ר' הערש לייב מיט ר' שלמה יעקב אין די ערשטע יארן, ווי זיי האבן געהאט צוזאמען אן אייזן קאמפאני אין מאנטריאל, ביז שפעטער ווען מיין זיידע ר' שלמה יעקב האט אנגענומען די פאסטן פון די הנהלת המוסדות אין טאהש, האט ער אפגעלאזט זיין חלק. די ידידות צווישן די צוויי איז געבליבן אלע יארן. אין די יארן ווען ער האט נאך געוואוינט אין מאנטריאל, פלעגט ר' הערש לייב איינשטיין ביי מיין זיידע אין טאהש ווען ער איז געקומען צום רבי'ן כסדר אויף די ימים טובים. ביז ווען עוונטועל האט ער זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין קרית טאהש.

יהא זכרו ברוך.

בכבוד והערצה, מ.מ.ז.

## סגולה נפלאה נישט צו זיצן נעבן א פרוי אויפן פליגער

לכבוד מערכת הגליון הנפלא באור החיים שע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש.

כ'וויל מיטטיילן מיט'ן חשוב'ן ציבור חסידים ואנשי מעשה איבער די געוואלדיגע כח פון אמונת צדיקים, וואס א ציבור יודן האבן בס"ד זוכה געווען מיטצולעבן א ישועה ברוחניות און זכות פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע.

עס איז געווען דעם פאראגאנגענעם חודש אלול שנת תשפ"ה העלל"ט, ווען א גרויסע קבוצה חסידישע בחורים פון שיעור ד' דשיכון סקווירא האבן זיך געגרייט אפצופליען א נסיעה למקומות הקדושים בארץ ישראל אויסצו'פועל'ן א שנה טובה ומתוקה. פאר'ן ארויספארן, ווען מ'האט זיך געגרייט צום נסיעה האט אויפגעטראטן מיט דברי חיזוק והלכה הרה"ג ר' אברהם ישעי' וואזנער שליט"א, א מורה צדק אינעם שטעטל סקווירא א זון פון הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א.

אינמיטן דעם שיעור פרעגט א חשובע בחור, וואס זאל מען טון אויב עס מאכט זיך אז זיין זיץ האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין נעבן א פרוי. האט דער ריין געענטפערט אז עס איז דא פאר דעם א געוואלדיגע סגולה. דאס איז די סגולה וואס מרן רבינו הק' זצוק"ל האט געגעבן פאר הגאון רבי אברהם שאהר שליט"א, וואס כידוע איז ר' אברהם געווען מנהל בישיבתינו פאר א משך זמן, און ער פלעגט צו פאר'ן מיט'ן פליגער אהין און צוריק יעדן וואך, האט ר' אברהם איינמאל אנגעפרעגט ביי מרן רבינו הק' זי"ע ווי אזוי גיט מען זיך אן עצה ווען די פלעצער אינעם פליגער שטימען נישט.

האט אים דער הייליגער רבי געזאגט ער זאל זאגן א פסוק אין תהילים (קאפיטל לד פסוק ח) **חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם**: און מיט סייעתא דשמיא וועלן זיך די זאכן מסדר זיין על צד היותר טוב. האט הג"ר אברהם שאהר שליט"א פארציילט, אז זינט דאן האט ער מער נישט געהאט קיין שום פראבלעם מיט דעם, וואונדער איבער וואונדער ממש ווי רבינו זי"ע האט אים געזאגט, אזוויו ער האט נאר ארויסגעזאגט דעם פסוק זענען די פלעצער מסודר געווארן על צד היותר טוב.

האט דאס דער דיין איבער פארציילט פאר די בחורים, און צוגעלייגט אז ער האט שוין געהערט פון עטליכע מענטשן וואס האבן געטון די זעלבע זאך, און אפילו מתחילה האט די פרוי בשום אופן נישט מסכים געווען, אבער ממש נאכ'ן ארויסזאגן דעם פסוק איז זי געטוישט געווארן מן הקצה לקצה, און יא מסכים געווען ארום צוטוישן די זיצן.

וויל איך דא מיטיילן מיט'ן חשוב'ן ציבור, וואס כ'האב אליינס געהערט פון די בחורים נאכ'ן אהיים קומען פון די נסיעה, עס איז געווען עטליכע בחורים וואס האבן זיך געטראפן מיט די פראבלעם, און איין בחור זאגט פאר'ן צווייטן, נו וואס איז נאר די פסוק וואס איז די סגולה פונעם הייליגן טאהשע רבי זי"ע, פארציילן די בחורים מיט קענטיגע התפעלות אזוויו זיי האבן ארויס געזאגט דעם פסוק איז מסודר געווארן די פלעצער איינס ביי איינס. – נאך האט צוגעלייגט די מנהל פון שיעור ד' הרה"ח ר' שלמה אונגאר שליט"א אז איין בחור האט מתחילה נישט געוואלט אריינגיין און א טענה'דיי האט ער שוין געזאגט די פסוק פאר ער האט געזעהן ווי זיין פלאץ גייט זיין, אזוויו ער לייגט אראפ זיין פעקעל אויפן זיץ, האט זיך די ערל'טע נעבן דעם אליינס אנגעטראגן אז זי איז גרייט צו טוישן, און אזוי מיט די כח פון אמונת צדיקים זענען זיי געפארן רואיג און געשמאק ברוחניות ובגשמיות.

זאל דער אייבערשטער העלפן איך זאלט זוכה זיין ווייטער ממשיך צו זיין מיט די עבודת הקודש מתוך הרחבת הדעת וכל טוב סלה.

מוקריכם, (-)



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

חג הסוכות - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג פר' וירא

נאכמיטאג איז רבינו שליט"א אנגעקומען אויף א קורצע באזוך אין ניו יארק.

דער רבי האט געדאווענט מנחה ומעריב בבית מדרשינו אין בארא פארק. צו מנחה איז צוגעגאנגען צום עמוד העסקן הדגול ר' יוסף אלימלך מאירוביץ הי"ו, און דער רבי איז צוגעגאנגען צו מעריב.

נאך מעריב האט דער רבי באזוכט אין די נייע לאקאציע פון תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט, וואו דער רבי האט זיך אומגעקוקט מיט קענטיגע הנאה ווי שיין אלעס איז צוגעשטעלט על צד היותר הטוב ברוחניות ובגשמיות.

דערנאך האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי א מסיבת שבע ברכות לכבוד די מחותנים הנגידים מוה"ר מאיר ארגעל הי"ו און מוה"ר יוסף יודא ארי' ארגעל הי"ו, וואו דער רבי האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן ברכות לרוב, דערנאך געטאנצן מיט די חתנים און מחותנים און זיידע'ס, דערנאך אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

דערנאך האט דער רבי קובע מזוזה געווען אין די נייע הויז פון הנגיד מו"ה בעריש פיקסלער הי"ו, בן העסקן הדגול הרה"ח ר' אהרן פיקסלער הי"ו, דערנאך געמאכט א לחיים און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות.

שפעטער האט דער רבי באשיינט ביים שמחת השבע ברכות פון בת מחותנו הגה"צ דומ"ץ פאפא שליט"א, וואו דער רבי האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן פארן חתן און מחותנים, אזוי אויך האט זיך דער רבי באגריסט און געוואונטשן מזל טוב פאר די זיידע'ס כ"ק אדמו"ר מ'פאפא שליט"א און כ"ק אדמו"ר מ'בורשטין שליט"א, און מיט כ"ק האדמו"ר מ'פאלטישאן שליט"א.

דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי כ"ק אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע, וועלכע זיצט שבעה נאך א שוועסטער, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## דינסטאג פר' וירא

אינדערפרי האט דער רבי געדאוונט תפילת שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וומסב"ג. דער רבי האט געדאווענט פארן עמוד.

פארן דאווענען איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יעקב צבי ברוין הי"ו פון מאנסי, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן געבן שלום.

פארנאכטס האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי די שמחת החתונה בבית המחותנים האדמו"ר מ'ברעזאן שליט"א און האדמו"ר מ'זלאטשוב שליט"א, ווי ביידע מחותנים פון רבינו שליט"א זענען געווען זיידע'ס ביי די חתונה, אין ביהמ"ד קראלי אין וויליאמסבורג. דער רבי האט באשיינט ביים מעמד הקבלת פנים, געטרינקן לחיים און געוואונטשן מזל טוב פאר ביידע מחותנים, און פאר די זיידע'ס כ"ק אדמו"ר מ'קראלי שליט"א און הגה"צ אב"ד אולם שליט"א, און פאר די חתן און מחותנים.

ארום 11:30 ביינאכט איז דער רבי צוריק אנגעקומען אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

## דאנערשטאג פר' וירא

ביינאכט איז דער רבי ערשינען ביים קבלת פנים פון החתן שמשון סג"ל קרויס נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן הרה"ג ר' יעקב שליט"א ר"מ בישיבה"ק, עב"ג בת הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא שליט"א משב"ק, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטען די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה.

## עש"ק פר' וירא

נאכמיטאג האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים לוי' פון הרב החסיד הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער ז"ל, פארנט פון זיין שטוב אין קריתינו הק', און דערנאך ארויס באגלייט די מטה צום בית החיים, ביז נאך סתימת הגולל.

# שבת קודש פר' וירא

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוט שבת'.

✧

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר אלעזר דוד גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אב"ד סערענטש שליט"א פון לאנדאן, הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, מו"ה ישראל אהרן צוויבל הי"ו, הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד סערענטש שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך ב"ר משה סג"ל ראטמאן ני"ו.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מוה"ר ישראל אהרן צוויבל הי"ו, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך געגעבן שיריים פארן בעל שמחה און אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

שבת נותנים מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת'.

✧

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרב אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א שו"ב, שחרית האט געדאווענט הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א, לוי החתן ר' שמשון סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, רביעי הרה"ח ר' מענדל בער ווידער הי"ו פון קרית יואל, חמישי הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא וויינשטאק הי"ו פון קרית יואל, ששי הרב משה יונה ראזענפעלד שליט"א פון ירושלים, שביעי מו"ה יונתן שווארץ הי"ו פון מאנטריאל, הוספות: אדמו"ר מ'זוועהיל שליט"א פון ארץ ישראל, אב"ד סערענטש שליט"א, מוה"ר ארי' דוד מערמעלשטיין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, מו"ה ישראל אהרן צוויבל הי"ו, מו"ה יצחק אייזיק פריעדמאן הי"ו, אחרון הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל.

מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר אליעזר הערש שפיטצער הי"ו. הגבהה מוה"ר שלום אליעזר פרענקל הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה מאיר ישי טייכמאן הי"ו פון וומסב"ג.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מו"ה שלמה אפרים צוויבל הי"ו פון קרית יואל.

דערנאך איז פארגעקומען די ברית מילה פון בן מו"ה יצחק אייזיק פריעדמאן הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, און מכבד געווען דער זיידע הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא וויינשטאק הי"ו. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד, און געוואונטשן פארן אבי הבן און די זיידע'ס מזל טוב וברכות לרוב.

✧

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' דוד ב"ר יואל קלמן הערשקאוויטש ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' חיים הערש פרענקל הי"ו פון קרית יואל, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר מ'זוועהיל שליט"א, שיר המעלות הב' פסח פאלאווין ני"ו.



דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה"ר חיים נחום ברמ"ב מערמעלשטיין הי"ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' מאיר יעקב שטיינמעץ הי"ו פון וומסב"ג, שני הרב יודא צבי האלבערשטאם שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, שלישי מוה"ר יודא צבי פריעדמאן הי"ו פון וומסב"ג, הגבה רבינו שליט"א, גלילה הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר שמואל מאיר קרויס הי"ו, מוה"ר שאול פיש הי"ו פון קרית יואל, מו"ה יודא שלמה האמבורגער הי"ו, מו"ה שלמה שאול זאנוויל פרענקל הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין שליט"א, שיר המעלות הב' יושע פעלבערבוים נ"ו. מיט די שבע ברכות פון החתן ר' שמשון סג"ל קרויס נ"ו זענען מכובד געווארן די ערשטע 2 ברכות הרה"ח ר' מענדל בער ווידער הי"ו, די אנדערע רבינו שליט"א, ברכה אחריתא הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה מוה"ר ישראל פשנזה הי"ו פון בית שמש, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר יצחק פשנזה הי"ו פון אשדוד.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים הערש פרענקל הי"ו צו דערציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מוצש"ק פר' וירא

נאך קבלת קהל האט דער רבי מנחם אבל געווען אין שטוב פון הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער ז"ל, דער רבי האט געציינדן א ליכט, און געטרייסט די משפחה און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

◆

שפעטער האט זיך דער רבי געוואשן צום סעודת מלוה מלכה ביים שמחת שבע ברכות, צוגעשטעלט דורך בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, לכבוד דער משמש בקודש הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא שליט"א, בביתו נאוה קודש.


קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

יר"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

סדר הלימודים
במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת תולדות =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק חיי שרה | דף ו. | דף ב: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף ו: | דף ג. | דף קכב. | דף קיט: |
| מאנטאג | דף ז. | דף ג: | דף קכב: | דף קכ. |
| דינסטאג | דף ז: | דף ד. | דף קכג. | דף קכ: |
| מיטוואך | דף ח. | דף ד: | דף קכג: | דף קכא. |
| דאנערשטאג | דף ח: | דף ה. | דף קכד. | דף קכא: |
| עש"ק | דף ט. | דף ה: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויצא
חבורת ז' עמודים - כל מסכת הוריות
חבורת ה' עמודים - קיג. - קכב:
הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 41 פון די מעין מעניו.